די באקאנטע און באליבטע שוישפילער

דארא קרעלמאן    יצחק קרעלמאן    הארדי אריעל

גרויסן קאנצערט

אן אוונט פון יידישן הומאר און געלעכטער

זע זייטע 64-63



דער פלאץ איז רעזערווירט פאר י. ביעטש.



**געזוכט קרובים**

איך זוך מיין שוועסטער יענטע, שוואגער יורעל און קינדער, גאלרין, זיי האבן געוואוינט אין וואלקאוויסק, ליטע. דאס לעצטע מאל האב איך גע־הערט פון זיי אין 1938. זיי זיינען גע־ווען בעקערס. ווער עס ווייסט פון זיי אדער זיי אליין זאלן זיך מעלדן צו: Mr. N. Levenson, 6, St. Mary's Road, Leeds.



By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.



„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראפע.)



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cowell St., London, E.1*


104

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

ניינטער יארגאנג נו. 10    העפט 105    אקטאבער 1948 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאלט:


שטיקלעך פון א סך־הכל ........................ ** 1
רבי אמנון (ראש־השנה־באלאדע) ............ יוסף הלל לעווי 5
מער נישט צוריקגעקומען (דערציילונג) ............ י. ביעטש 12
משיח'ס נסיעות און נסיונות (קאפיטל 3. איוב אויף דעם
יושר בארג) ........................ משה עובד 20
דריי זעלנערישע בריוולעך (דערציילונג) ........ משה דלוזשנאווסקי 27
דער מענטש (ליד) ........................ לייזער אייכענראנד 33
דער לאנדאנער בעל מפטיר אדער אפגענארט א טאטן
פאר ראש השנה ........................ מארקס קאהען 34
„בני אדם יושבי חושך וצלמות", אין כל־נדרי־שעה,
אלימפיוס (לידער) ........................ א. נ. שטענצל 37
ווען ל. שאפירא איז געווען אין לאנדאן ........................ אהרן ד. ראלין 41
" " " (ליד) ........................ ל. שאפירא 45
די פראבלעמען פון דער יידישער ליטעראטור
(פון א רעפעראט אויפן פאריזער קאנגרעס) ........ לעא קעניג 47
די קאטאסטראפע יארן ת"ח ות"ט (המשך) ........ ד"ר יעקב י. מייטלים 50
דאס איצטיקע יידישע לעבן אין בעלגיען ............ מאריס קאץ 53
בערלין — מאסקווע — ירושלים (המשך) ............ אליהו פאלושאק 59
קאנפערענץ און קאנגרעס ........................ א. וואטערמאן 63
אין שפיגל פון יידישן לעבן אין ווייטן דרום־אפריקע
(בילדער קוריאזן און כאראקטער־פארצייכנונגען) .. הערש שישלער 65
געזאמלטע ציטאטן בנוגע דעם יידישן וועלט קאנגרעס .. יוסף פרענקל 69
גיכער א ווידוי פון א מענטש איידער א התנצלות פון א מחבר ...... ש. 73
קולטור ידיעות פון לאנדאן ........................ 78
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס ........................ 80



**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנענטס־פרייז: —19/6 פאר א יאר
אין אויסלאנד: —5 דאלאר א יאר
1/9 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן", נאראד־פרעס. 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.

## א גמר חתימה טובה

די רעדאקציע „לשון און לעבן" ווינטשט אַ גוט יאָר אַלע זיינע מיטאַרבעטער, לייענער, פריינט פון יידישן וואָרט, און אַלע יידן בכל תפוצות ישראל און שלום פאַר דער גאַנצער וועלט.

א. נ. שטענצל

---

„פריינט פון יידיש לשון" ווינטשט אַלע זיינע מיטגלידער, דעם עולם פון די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס און אַלע יידן דאָ, אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ א כתיבה וחתימה טובה.

**משה עובד** פרעזידענט

---

יהודה ביעטש, פרוי און טאָכטער ווינטשן אַלע קרובים, פריינט, די „פריינט פון „לשון און לעבן" דאָ און מעבר לים און כל ישראל אַ גוט און גליקלעך יאָר

---

א כתיבה וחתימה טובה פאַר מיינע קרובים וואו נאָר זיי געפינען זיך, מיינע פריינט שרייבער קאָלעגן און אַלע יידן.

מארים קאַץ

---

## אליהו, גיטעלע און יוליע פאלושאק

ווינטשן אַלע זייערע קרובים און פריינט אין ענגלאַנד, אַמעריקע, פוילן, בערגן־בעלזן, דענעמאַרק, שוועדן און מדינת ישראל — אַ שנת חיים, פרנסה ושלום

---

## א כתיבה וחתימה טובה

ווינש איך מיין שוועסטער, מרס. שרה מייעראָוויטש, אַלע מיינע קרובים און פריינט דאָ אין ענגלאַנד און אין מדינת ישראל.

צבי ארנשטיין

---

**אייזיק גאָלדבערג** און פרוי ווינטשט אַ גוט געזונט יאָר זיין גאַנצע משפחה אַלע זיינע פריינט.

---

א כתיבה וחתימה טובה משפחה און פריינט

נ. רובין, פרוי און קינדער.

---

מיר ווינטשן אונדזערע ליבער קינדער און אייניקלעך און אַלע אונדזערע קרובים דאָ אין ענגלאַנד און אַמעריקע, און אַלע חברים פון „פריינט פון יידיש לשון"

**א כתיבה וחתימה טובה**

35 וואָרנפאָרד סטרים העקני א.9 מר. און מרס. א. שפיגעלמאַן

---

**מרס. לוציע מייזלס** ווינשט אַ גוט יאָר אַלע אירע פריינט.

---

## דער קאמיטעט פון דעם לידזער יידישן קולטור צענטר

ווינטשט דעם קאָמיטעט פון די „פריינט פון יידישן לשון" אַ שנה טובה און

א שנת חיים און ברכה

און מיר ווינטשן אין דעם קומענדן נייעם יאָר אַ פאַרגרעסערטע אויסגאַבע פון דעם זשורנאַל „לשון און לעבן", און אויך אַ פיל גרעסערע צאָל יידישע לעזער

אין נאָמען פון קאָמיטעט:

טשאַרלי הורעוויץ טשערמאַן, וואָלף ריווקין סעקרעטאַר

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יאָרגאַנג נו. 10 העפט 105 אָקטאָבער 1948 לאָנדאָן

## שטיקלעך פון א סך הכל

### 1. „תחל שנה וברכותיה"

אויב דער סך־הכל פון נאַציאָנאַלן־נצחון פון יידישן פאָלק, וועלכער וועט באַצייכנט ווערן אין דער יידישער געשיכטע מיט שנת תש"ח, וועט זיין בלויז דער ישוב אין ארץ־ישראל; אויב אונטערן סך־הכל, געצויגן מיטן בלוט פון די איבער 6.000.000 יידן, איז די מדינה „ישראל" מיט די איבער 600.000 בירגער, וועט עס זיין נישט קיין סך־הכל, נאָר אַ חיסור — און דער חשבון איז אַ פשוטער; אַ זייער גרינגער. דער חשבון וועט דעמאָלט ערשט אָנהייבן שטימען, ווען דאָס וואָרט „ישראל" וועט ארומנעמען אַלע יידן בכל מקום שהם, ווען „ישראל" וועט נישט נאָר זיין אַ מלוכהשער באַגריף פון אַ לאַנד, פון אַ „היסטאָריש" פאָלק, נאָר פונם פאָלק ישראל, פון לעבעדיקן „עמך" — —

ווייל דער עול־הגלות איז שוין אוממעגלעך געווען ווייטער צו טראָגן, אונזער נצחדיקער ווילן צום לעבן, איז אָפגעשוואַכט געוואָרן, איז געקומען דער נס פון אתחלתא דגאולה — אַ פאָלק פון „ועל כרחך אתה חי", איז אויסדערוויילט צום אייביקן לעבן!

אַ פאָלק, וואָס האָט קיינמאָל נישט אויסגעוויילט זיין לעבנס וועג נאָר תמיד געשטויסן געוואָרן אויף טויזנט רעדער אויף אַלע שליאַכן, איז איצט ווידער געשטעלט געוואָרן פאַר זיין לעבנס־פראַגע פון „איזו הדרך שיבור לו האדם", און פאַר אונז אַלע איז עס דער וועג וואָס פירט קיין ארץ ישראל ווייל עס איז „נאה למקום" און „נאה לבריות". אַ חוץ, אפשר, פאַר די, וועלכע זיינען שוין אינגאַנצן אָפגעריסן פון יידן.

וועלכער מענטש איז נישט פאַרצווייפלט געוואָרן אינם מין האנושי, שטייענדיק פנים לפנים מיט די געשעענישן אין די לעצטע פאַר יאָר, וואָסער גלויבן נאָך אין קולטור־פעלקער, אין קונסט, אין ציוויליזאַציע, אַז אַזאַ אויסגערעכנטער קאַלטער מאָרד האָט געקאָנט געשען אין ציוויליזירטן אייראָפע.

אָבער נאָך פאַרצווייפלטער און יאושדיקער זיינען מיר געוואָרן, און נישט נאָר, ווייל מיר זיינען דאָס געווען דער קרבן אין דעם געשעענעם און ממילא אויך די אָפגעריבטע פון יעדן שמץ פון גלויבן נאָך אינם מענטש, נאָר פשוט פאַרצווייפלט אין אונזערע אייגענע כוחות ווייטער צו קאָנען עקזיסטירן, ווייטער צו קענען אָנגיין מיט אונזער יידישן לעבן.

אַז וויאַזוי נאָך ווייטער קאָנען גלויבן אין אונזער המשך, זעענדיק וואָס פון אונזער יידישקייט ס'איז איבערגעבליבן. די תמימותדיקע גלויביקע יידישע

שטעטלעך זיינען חרוב ונחרב! וואו זיינען נאָך יענע יידן וואָס פלעגן זיצן ביי אַ בלאַט גמרא מיט תוספות מיט הנאה? וואו זיינען יענע יידן וואָס האָבן מטעים געווען יעדעס וואָרט אין זייערע תפילות מיט פילנדיקן טעם אין אַלע זייערע עצמות? וואו זיינען די יידיש־ליטעראַרישע קרייזלעך און דראַמע־קרייז־אַמאַטאָרן פאַרליבטע אין יעדן קנייטש פון אַ יידיש וואָרט? וואו זיינען די תנוקות של בית רבן פון תלמוד תורות און ישיבות, פון יידיש וועלטלעכע שולן און סעמינאַרן?

עס זעט עפּעס אַזוי אויס ווי אין די גרויסע שטעט אין וועסט אייראָפּע זיינען נאָר געבליבן די אויסנוצערס פון די לעצטע ירושה־רעשטלעך! די וואָס האָבן נישט געקאָנט גאַנץ דערלויפן צו אַסימילאַציע; דער נישט גראַטענער ד״ר איז דער ראַבינער און רעוורענד, דער נישט דערבאַקענער פאַרזיכערונגס־אַגענט איז קהילה־גראַבלער און אַפּיל־דירעקטאָר. אַ, און דאָס חלשותדיקע חלשן פון איבערגעזעצט צו ווערן און פון איבערזעצן אין אונזער „יידיש־לאַנד״, שייקע מיט שלימזל פאָרט זיך צוזאַם! אַזאַ פּנים נאָר קאָן עס האָבן פאַר די גוים.

...פוסט איז די שול, ליידיק דאָס טעאַטער, טעלער־לעקערס און קהילה גראַבלער טומלען זיך אַרום „דזשואיש עדיקיישאַן״; קלאַפּן „קאַלעקטאָרס״ אויף די טירן און „אַפּיל־דירעקטאָרס״ אויף שרייב מאַשינען און די לעצטע עריי־מקלט׳ס זיינען די בית־עולם׳ס. זיינען זיי צעהילכט מיט נאַריש געמאַכטע „כאלמלארחמים׳ס״ פון אויסגעפּרעסענע פוסטע „כלי קודש״, אַז מ׳שעמט זיך שוין די אויגן אויפצוהויבן צום הימל: אויב דאָס איז אונזער כאל מלא רחמים, איז שוין קיין וואונדער נישט ווי מיר זעען אויס....

און וואָס איז מיט אונזער יידיש־וועלטלעכע שולע ביים אַרבעטער־רינג? יענע האָבן כאָטש אַ קאַפּל, ציצית און וואָס האָבן מיר נאָך דאָ אונזער הוילן לייב צוצודעקן? צומאָל נישט אַ פייגן־בלאַט! מיר ווייזן שוין אַפּנים אַ פייג די גאַנצע וועלט; דאָס שעם־היטל צומאָל אויסגעטון — —

איז געווען דאָ נאָך ביז היי־יאָר אַ יידישע טאָג־שולע, אַ כמו תלמוד תורה, וואו איבער 500 קינדער האָבן נאָך געלערנט יידישע למודים פאַרטייטשט אויף יידיש, איז מען שוין אויך איבערגעגאַנגען אויף ענגליש־„טראַנסליישאַן״. מסתמא האָט עס צו טון מיט דער „דזשואיש עדיקיישאַן״־קאָמיסיע. מסתמא באַקומען זיי שוין פון דאָרטן אַ שטיקל סובסידיע... באמת, אַז מען קוקט אָן אַזאַ „טיטשער״ מיט זיין פאַרטשעסעטן קמץ־בערדל, אַז מ׳קוקט אָן אַזאַ חיה־אדם־טראַנסלייטער״... איז וואָס קאָן מען שוין פאַרלאַנגען פון אַזוינס!

האָבן, אפשר, נאָך מאַנכע געמיינט, אַז אַ בלאַט גמרא קען מען טאַקע נאָר לערנען אויף יידיש, האָט דער „דזשואיש קאַלעדזש״ דאָרט וואו ס׳ווערן „געמאַכט״ רעווערענדס, זיך געפונען אַ גאון, אַ דאָקטאָר וואָס ווייזט בפירוש אויף מיט זיין „מעטאָדיקע״, אַז טאַקע נאָר אין קעמברידזש־ענגליש קען מען ערשט לערנען דעם בלאַט... אַ והא ראיה איר זעט דאָך! איר דאַרפט נאָר הערן אים ריידן זיין קעמברידזש־ענגליש וועט איר שוין פאַרשטיין וואָסער פּנים עס



האָט — אַ מלמד אינדערהיים מיט זיינע מתחילים האָט אַ שענער פּנים געהאַט! איז אַ וואונדער אַז די שול איז ליידיק און דאָס טעאַטער פוסט — אַז לערנענדיק ס׳בלאַט איז דאָס שענסטע טריאַטער....

איז וויאַזוי, אויף אַזעלכע איינגעשרומפּענע, אין דרייען זיך בויגנדיקע פלייצעס טראָגן אַ קולטור, — אַ 4000 יאָריקע קולטור! — און דאָס געזונט און לעבן נישט איינברעכן? תורה, קולטור, איז „אדם כי ימות באוהל״ — ס׳לייב און לעבן מוז מען דערין אַריינלייגן. אַ בלאַט גמרא אויף ענגליש איז ווייניקער ווי שעקספּיר! האַמלעט טראַגט זיך אַרום מיט גרעסערע פראַגן און ספקות ווי מיט אַ „שור שנגר את הפרה״, אָדער מיט פּתח פּתוח מצאתי״... אַ שאַקלדיקער מתמיד אָבער איבערן שטענדער, אַן עילוי, אַ פּרוש מיט ניגון, מיט גראָבן פינגער־דריי, מיטן טויזנט יאָריקן נוסח שטייט איבער יעדער פראַגע פון „זיין אָדער נישט זיין״ — יעדער קנייטש איז נצחדיק, יעדעס וואָרט וואָס ער איז מטעים איז אַקצענטירט.

אונזערע גרויסע קולטור־שאַפערס האָבן דאָס געגנוי געוואוסט! פון פּרצעס „מקובלים״, ביאַליקס „המתמיד״ שלום אַש׳ס „תהלים ייד״ ביזן יידישן שאַפן צום היינטיקן טאָג.

זאָל דער בילאַנס אונזערער שטימען אין חשבון, זאָל פונם סך הכל נישט ווערן חלילה קיין חיסור — מוז די שכינה מיט אויסגעלייזט ווערן! ערשט דעמאָלט קאָן פון אתחלתא דגאולה ווערן אמתע פאָלקסדערלייזונג, ווען דאָס שאַפן פונם פאָלק באַקומט זיין גואל, ווען „עמך״ — ווי „צאן קדשים״, אַרום בעלעמער! — וועט אַרום כדור הארץ קאָנען מיטזינגען „שכינה הקדושה בתוכינו״. אמתע גאולה הייסט נישט אַראָפּוואַרפן דעם עול־הגלות פון די שוואַכע און אין דרייען זיך בויגנדיקע פלייצעס, אמתע דערלייזונג איז קענען האָפערדיק טראָגן די וואָגיקע גלות־שאַפונגען „קוממיות לארצנו״.

## 2. ...„און וואָס צו לייט איז צו טייט״

מיר געהערן נישט צום רובריק מלוה־מלכה׳ס אול לויה׳ס, און נישט צום קאָלום בר־מצות און מצבות און קיין אַפּיל דירעקטאָר האָבן מיר אויך נישט איז דאָך „שכלדיק״, אַז אין ציי‏טונגס־באַריכטן געפינט זיך נישט קיין סך איבער אונזער אַרבעט — פון איין „מלא״ אויפן בית־עלמין, פון איין „בענטשערל״ אויף אַ מלוה־מלכה קאָן דאָך מער אָפּפאַלן אין „מזימון״ ווי פון אַלע אונזערע „שבת־נאָכמיטאָגס״ פון אַ גאַנץ יאָר.

און נאָך מער, אַז „נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין״ פון אַ ציטונג איז קודם צו דערנידריקן יידישע קולטור־טעטיקייט אין גלות, און דאָ מיצקע־דרינגען וועכנטלעכע באַריכטן איבער כסדרדיקער אינטענסיווער קולטור־אַרבעט אין דער איסט־ענד פון לאָנדאָן, וואו אַ „בעסערער״ ייד שעמט זיך שוין, אַז ער איז דאָ געווען אַ „פאַרענער״; און נאָך גרעסערע יידישע־חוצפה: מ׳קריכט שוין גאָר מיט דעם יידיש־„קליזל״ אין די הויכע פענסטער, אַזש קיין פּאַרק־ליין, אין מעיפער, אין „בן אורי״...

איניקע פון קאמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון" פאדערן, אזוי ווי די פרעסע „איגנארירט". רחמנא לצלן, זאלן מיר אין „לשון און לעבן" איינפירן אזא באריכט־קאלום! איז אבער ל.א.ל. אן אייגענער זשורנאל און עס קאן אויסקוקן מער פראפאגאנדע ווי באריכט. באריכט געהער צום ציטונגס־רעפארטער, ער מוז קומען, זען, באאורטיילן און שרייבן. איי, דא, איז מען זיך אנדערש נוהג?... איז דער תירוץ: אונזער גאנצע ארבעט איז דאך נישט רק צו גיין אינם אויסגעטראטענעם דרך פון אונזער מדינה... אונז גענוגט די זאכלעך קורצע „מיטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס" אויפן לעצטן זייטל פון ל.א.ל. און פאר די זונטיקס אין „בן־אורי" די אנאנסן אויפן שער־בלאט און די וועכנטלעכע אנאנס אין דער „צייט". גלות־לאנגע באריכטן קאן אמאל גיכער זיין שלילת־הקולטור.....

פאר מיר, ווי א „ליבער לעזער" פון דער יידישער ציטונג און אויך באוואוסט אין דער וויכטיקייט פון איר עקזיסטענץ „באשר היא שם", — אויף וואסער ניווא זי זאל נישט שטיין! — איז אונזער אנאנס, פון די „יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס", צום סוף פון די אלע רבניש־רעווערענדישע, אפיליש־קאלעקטארישע, אינטער די אלע „לידיס־טריידס", „פערניש־בעד־רומ׳ס" און שדכנים־אנאנסן, פאר מיר איז אונזער אנאנס, יעדן פרייטיק, א פרישער נחת־רוח: אלענפאלס איז יידישע קולטור נאך א עסק, א שטיקל „ביזנעס", כאטש נישט אין דער ערשטער ריי ווי „לידיס טריידס" און „פערנישט־בעד־רומס". אלענפאלס געהער דער עסק מער צום קאמפאזער, אדער צום קאמפאזיציע־געשמאק פון א ציטונגס־רעדאקטאר...

איר דא, אין אונזער ישוב פון „וכל הישר בעיניו יעשה" ווי יעדעס עם־הארצישע רב׳ל שרייבט אויף זיך „גאון" און נאך גרעסער, וואו עס איז שוין אינגאנצן נישט קיינעמס עסק וואס מיט קולטור געשעט... איר קאנט אייך גאר נישט פארשטעלן ווי איך בין דאס מקפיד אויף יעדן ווארט פון אונזער אנאנס און בפרט „בנוגע אין די רעדנער־טיטלען פון „באקאנט", „באוואוסט", און „בארימט". עס איז אפילו געווען א פאל, אז איינער האט אליין „איינטערוועגירט" וואו מען דארף און אליין עפעס צוגעשריבן, נאר דער איז יעצט שוין אליין א בארימטער רעדאקטאר*, א והא ראיה, ער האט דאך שוין דעמאלט ארויסגעוויזן זיינע רעדאקטארישע „פעאיקייטן".... דאס נאך דרך אגב.

צוזאמענצופאסן א סך הכל איבער א יאר־ארבעט פ.פ.י.ל. פון איבער 50 י.ל.ש.ג. רעגלמעסיק מדי שבת בשבת וואו הונדערטער יידן קומען צו גיין

---

* „רעדאקטאר" — עס רופט זיך נאר אזוי ביי אונז דא אין „בעסערן" לאנדאן! האט איר שוין געזען אן אינוואליד וואס קומט אריין אין אונטערגרונד־באן טיילט אויס געקנייטשטע צעטעלעך און גייט דערנאך ארום „איינמאנען". — — אט־א דאס איז עס! מילא, די לאנדאנער „בעסערע" פונטלעך גייען אונז נישט אן, אבער לויט ווי עס שרייבט זיך אין דעם אויסגעטיילטן „זשורנאל", אז דאס נעמלעכע וועט געשען אין פוילן און ארץ־ישראל, אין פראנקרייך און אין אירלאנד, בכדי אין ענגלאנד זאל קאנען דערשיינען אט דער „זשורנאל" — מוז מען דאך כאטש מאכן א נאטיצל „אונטערן שטריך"!...



הערן ליינען יידישע ליטעראטור און לעקציעס איבער יידישע ליטעראטור; נאר בלויז אויסצורעכענען די אלע אונטן, באנקעטן, פאר שרייבער און קינסטלער פון דא און פון אדורכגעפארענע, צו דערמאנען נאך די רעגלמעסיקע סוף־חודש זונטיקס אין בן־אורי, די גרויסע מאסן־קאנצערטן, יעדן צווייטן אדער דריטן חודש אין גרעסערע זאלן א.ז.ו. עס וואלט פארנומען דעם גאנצן ראש השנה־נומער. און ס׳איז אויך פשוט איבער מיינע שוואכע כוחות.

דעם סך־הכל וואס איך וויל מאכן איז מער ווי איבער א יאר ארבעט און ווי פון אונזער ארבעט: אויב מען ארבעט און מען מיינט די ארבעט און מען ליבט די ארבעט, ברויך מען קיין רעקלאמע און קיין פראפאגאנדע, צומאל נישט קיין זאכלעכע באריכטן נישט אין ציטונגען. די ארבעט אליין ווי שטיל זי זאל נישט אנגיין, און ווי פארבארגן, — ערגעץ אין שמאלן בערנער געסל אין ווייטשעפל! — אויב זי ווערט נאר געטון און אויב די ארבעט איז אנזעעווודיק, הערט מען שוין פון איר: „וכל העם רואים את הקולות", אז מען געוואלדעוועט אבער בלויז מיט קולי קולות — „הערט זיך דערפון"! אז מען ארבעט, אז מען מיינט די ארבעט, אז מען האט ליב די ארבעט, אז ס׳איז דער „נעשה" פארן „נשמע" — זעט מען וואס ס׳ווערט געטון! און אונזערע ארבעט ברוך השם זעט זיך אן אויף דער יידישער גאס און ווערט אנגעזען. און מיר האפן אז צום נייעם יאר וועט אונזער ארבעט נאך פארדאפלטער ווערן נאך פארגרעסערט ווערן מיט נאך מערער מי און ליבשאפט.

## יוסף הלל לעווי

### רבי אמנון

(ראש־השנה־באלאדע)

(המשך)

און ווי נאר דער צדיק ארויס איז געגאנגען
פון הגמון, האט באלד אים א חרטה געקוועלט.
און ס׳האט אזא צער אים דאס הארץ זיינס געפאנגען —
אוי בין איך א זינד דאס א שווערע באגאנגען,
א זינד ביז צום גרוב שוין דעם פינסטערן באנגן,
ווייל כ׳האב מיין אמונה אין ספק געשטעלט...

דער מענטש איז פון שטויב דאך, צו שטויב טוט ער קערן,
מיט יגון ואנחה פארדינט ער זיין ברויט;
אזוי ווי א גרעזל פארוועלקט טוט ער ווערן,
פארבלייבט ווי א שאטן, צערינט ווי די טרערן,
און גלייך ווי א שארבן צובראכן טוט ווערן —
אזוי ווערט זיין לעבן צעבראכן פון טויט...

צי האָסטו ביי מיר דען אַמאָל חס ושלום
ריבונו של עולם, אַ ספק פאַרדינט? —
מיין לעבן עס איז דאָך ניט מער ווי אַ חלום,
און איך בין דאָך הבל, אוי הבל הבלים.
ניטאָ שוין פאַר מיר קיין מנוחה קיין שלום,
ביז איך וועל פאַרשווינדן פאַרגיין ווי אַ ווינט...

איך וויל מיין עברה, דעם ווייטיק דעם הייסן
אויסגיסן פאַר דיר מיט מיין פינסטער געמיט,
פאַרהילן אין טלית אין קיטל אין ווייסן —
און קריעה זיך זיין מיינע קליידער צערייסן,
אַזוי וועל איך שרייען מיט טרערן אין הייסן:
איך בלייב ביז צום קבר אַ ייד, אוי אַ ייד!

ווייל קליין איז געווען הגמונס נסיון,
און גרויס איז געוואָרן מיין עון אַצינד, —
ווי טיף איז דער צער און ווי שווער דער בזיון,
מחלל השם כ׳האָב געווען פאַר גויים.
וואָס כ׳האָב זיך געדאַרפט ערשט דריי טעג צובאַוויינען —
איך האָב זיך אַצינד שוין מיט חרטה באַזינט!...

6

צוויי טעג און צוויי נעכט פול מיט שווערע פאַרלאַנגן —
פון רבקהלען זענען אַוועק מיט געוויין,
צווייִמאָל שוין צעשטראַלט איז די זון אויפגעגאַנגען —
און ס׳איז די לבנה פאַרגאַנגען מיט פּיין...
די זיידיקע שוואַרצע צעפּלאָנטערטע לאָקן,
זיי האָבן איר פּנימל ס׳בלייכע פאַרהילט,
די אויגן די קינדישע בלויע דערשראָקן
זיי זיינען געווען מיט טרערן פאַרפילט.

איר האַרץ האָט פון ווייטיק פאַרציטערט געצויגן,
עס האָט זי געפּייניקט אָן אנובג, אַ שרעק, —
ווען זי האָט מיט טרערן דערזען אין די אויגן,
איר פּאָטערס יסורים און צער אָן אַ ברעג...
און מיד מיט די פינגערלעך ווייסע און שלאַנקע,
זי האָט אַ פּרכת געהאַפטן, גענייט,
און דאָרטן אַריין אירע שווערע געדאַנקען
געהאַפטן פאַראומערט מיט גאָלדענעם זייד...



7

און פּלוצים איר האַנט האָט געגעבן אַ ציטער,
און ס׳איז דאָס פּרכת אַראָפּ אויף דער ערד.
עס האָט זיך באַוויזן באַפאַנצערט אַ ריטער —
הגמונס בן יחיד פאַר איר אויף זיין פערד.
דאָס האַרץ האָט מיט אימה איר קלאַפּן גענומען,
און ס׳האָט זיך פאַרפורפלט איר בלאַסעס געזיכט, —
און ער האָט דערלאַנגט איר אַ בוקעט מיט בלומען
צעדופטעט פון ליבע און זוניקן ליכט...

רעבעקאַ, רעבעקאַ — ווי גאָלדענע גלאָקן —
זיין קול האָט געקלונגען מיט זעלטענער פּראַכט.
און זי האָט די אויגן געעפנט דערשראָקן,
און האָט זיי באַלד ווידער מיט פחד פאַרמאַכט.
וואָס כ׳האָב אין מיין האַרצן פאַרשלאָסן געטראָגן,
וואָס ס׳האָט מיך ציית יאָרן געמאַטערט געקוועלט, —
אַ דאָס בין איך אַצינד געקומען דיר זאָגן,
רעבעקאַ איך ליב דיך ווי ס׳ליכט פון דער וועלט!

באַלד וועט ער פאַרשווינדן דיין פחד און ציטער,
און זיין וועסטו גליקלעך ביי מיר אָן אַ שיעור.
געהערן דו וועסט צו דעם מאַכטיקסטן ריטער,
אויף אייביק געהערן רעבעקאַ צו מיר!
און ער פון זיין פערד איז אַראָפּ גלייך געשטיגן,
אין פורפולנעם מאַנטל פון גאָלד און ברילליאַנט,
די ערד האָט גענומען מיט איר זיך צו וויגן
ווען ער האָט געכאַפּט איר פאַרציטערטע האַנט...

און באַלד איז איר קאָפּ מיט די טונקעלע קרויזן
געלעגן צעפיבערט ביי אים אין די הענט,
און ער האָט אַ קוש אין די ליפּן ווי רויזן —
אַזוי ווי אַ פייער אַריין איר געברענט.
און רבקהלע בלייך און פאַרבליפט איז געוואָרן,
און האָט ניט געוווסט וו צו ווענדן איר קאָפּ,
און באַלד האָט דערהערט זיך אַ קלינגען פון שפּאָרן,
און ער איז אַוועק מיט זיין פערד אין גאַלאָפּ...

רבונו של עולם אין הימל דאָרט אויבן,
וואָס זאָל דאָס באַדייטן דער שרעק און די פּיין?!
און זי האָט דאָס פּרכת פון ד׳ערד אויפגעהויבן,
געקושט און צום האַרצן געדריקט מיט געוויין,
און ווייטער געהאַפּטן מיט ציטריקע פינגער —
די אותיות הייליק מיט גאָלדענעם זייד,
עס האָט זיך געהויבן איר בוזעם דער יונגער,
פאַר׳חלש׳ט פון ליבע און שרעק, און פון לייד...

## 8

איר מוטער אַליין מיט אַ האַרצן אַ שווערן
געזעסן איז פרום אין איר חדר בסוד, —
ביים צאינה וראינה מיט הייליקע טרערן
געבעטן, צעגאַסן דאָס האַרץ אירס פאַר גאָט.
ניט עסן, ניט טרינקען, ניט ריידן, ניט שלאָפן,
ניט וויסן בייטאָג און ביי נאַכט פון קיין רו, —
איז, ווילסטו מיך הייליקער בורא שוין שטראָפן?
טאָ לאָז מיר דעם צדיק, און מיך נעם שוין צו!

ווי קאָן איך דען צוזען די צרות און ווינדן,
וואָס בייגן דעם צדיק פאַרצייט צו דער ערד? —
ווי קאָן איך דען צוזען ווי ס׳האַרץ זיינס פאַרצינדן —
פון ביטערן ווייטיק צעריסן עס ווערט!?
דו וועסט דאָך אוודאי מיין וויינען דערהערן,
און וועסט ניט פאַרשטויסן מיין תפילה אַצינד, —
עס בעט דיך אַ זינדיקע אשה מיט טרערן
לייטזעליק מיך הייל אויס באַשעפער מיין זינד!

אוי טאטעניו זיסער מעגסט מאכן מיך ארעם,
אוודאי געזינדיקט איך האָב אָן אַ שיעור,
כ׳וועל גיין אויף דעם קברות איינרייסן די קברים,
און שרייען: אַ לאָז אים דעם צדיק ביי מיר!
דו וועסט אין דעם זכות פון די אבות הקדושים
וואָס האָבן פאַר דיר זיך אין פייער געקווילט, —
דערהאלטן ביים לעבן דעם צדיק דעם גרויסן,
וואָס גליך ווי אַ שטערן באַלייכט ער די וועלט!



## 9

די זון איז פאַרגאַנגען,
אין הימל אין באַנגען,
צעפּורפלט מיט וויי און מיט פּיין,
און לאַנגזאַם מיט ציטער —
דער טאָג איז דער דריטער,
געקומען דער טאָג איז צוגיין!

עס האָט זיך מיט צאָרן,
אַ קלינגען פון שפּאָרן
אַ שרעקלעכעס קלאַפּן דערהערט, —
עס זיינען פון ווייטן,
געקומען צורייטן,
דריי ריטער אין פּאַנצער און שווערט.

און ס׳האָבן פאַרבייגט זיך,
די ריטער, פאַרנייגט זיך,
און שטאָלץ האָט געקלונגען זיין שטים:
דער פירשט האָט דיר פרומען —
באַפוילן צו קומען,
באַפוילן צו קומען צו אים!

אַ קרעכטס נאָר האָט ביטער —
געענטפערט די ריטער,
פון צדיקס נשמה מיט לייד...
„דריי טאָג שוין פאַרפלאָסן —
די ריטער פאַרדראָסן
זיי שרייען: דער פירשט וויל באַשייד?!“

און פלוצים צעטראָגן
דערהערן זיי זאָגן —
די ריטער דעם צדיק מיט גרים:
אַ זאָגט צו הגמונס,
מעג גרויס זיין מיין עונש,
דאָך קום איך צו אים ניט אַהין!

און ווידער מיט צאָרן,
עס קלינגען די שפּאָרן,
אַ וואָלקן פון שטויב זיך פאַרשפּרייט.
און שטיל מיט אַ ציטער —
דערציילן די ריטער,
דעם פירשטן פון אַמנון די רייד...

דער פירשט האָט מיט חימה
געשריען — אָן אימה
געוועזן איז צוהערן זיין וואָרט:
אַ גייט צו דעם פרומען
און זאָגט ער זאָל קומען,
איך האָב אים געהייסן זאָפאָרט!

מיט צאָרן ווילד הייסן —
אַ פּנים אַ ווייסן.
דער פירשט האָט געווענדט זיך פאַרגאַלט. —
אַהין צו די ריטער,
אַ פאָלגט איר געביטער:
און ברענגט מיר דעם יוד מיט געוואַלט!



מיט טיפע פאַרטרערטע און טרויעריקע אויגן
אַזוי ווי אין אָסיען אַ גוססע בלום, —
געבראָכן, געבוקט צו דער ערד און געבויגן,
דער צדיק געקומען צום פירשטן איז שטום.
און באַלד האָט דער פירשט זיך געווענדט צו דעם פרומען,
זיין קול האָט געקלונגען מיט האַס אָן אַ שיעור:
וואָס האָט דאָס באַדייטן געזאָלט דיין ניט קומען?
דו ווייסט דאָך — מיר קומט היינט אַ תשובה פון דיר!"

ווייל נאָר אַזאַ צדיק ווי דו קאָן פאַרמיידן —
דאָס אייביקע אומגליק, פון אייביקן ייד!
צו וואָס זאָל דער גלויבן די מענטשן צעשיידן?
אַז לעבן קאָן יעדער פון ליבע באַהיט...
צו וואָס זאָל מען אייביק אייך מאַטערן, פּלאָגן,
וואָס טויג אייך דאָס פייער פון שייטער, דער שפּאָט, —
צו וואָס זאָל מען אייביק אייך טרייבן און יאָגן,
צי האָבן מיר דען ניט צוזאַמען איין גאָט?!


כ׳באַדויער מיין פירשט זער וואָס כ׳קאָן אייך ניט געבן
קיין תשובה אויף דעם וואָס דאָס האַרץ איירס באַגערט;
מיין גאָט וואָס ער לעבט, איבער אַלעם — וועט לעבן
ניט קיינמאָל דערשראָקן פון פייער און שווערט!
איז — ווייל כ׳האָב קיין אַנדערן אויסוועג געפינען,
געשטעלט דאָ מיין גאָט אין אַ ספק אַריין, —
און איך האָב פאַרלאַנגט נאָך דריי טאָג צובאַזינען,
דערפאַר וויל איך דן זיין אַצינד זיך אַליין:

און ווייל ס׳האָט מיין צונג ניט מיין וואָרט אָפּגעהיטן,
נאָר האָט מיין אמונה באַגאָסן מיט שפּאָט, —
דערפאַר זאָל זי ווערן אַרויס מיר געשניטן,
אַזוי וויל איך תשובה איצט טון צו מיין גאָט!
דער רשע איז נבהל ונשתומם געוואָרן,
און שטאַרקער אין אים האָט דער כעס זיך צעברענט,
און ער האָט צעברילט ווי אַ לייב זיך מיט צאָרן —
אַזוי אַז עס האָבן געציטערט די ווענט:

דעם פּסק וואָס דו האָסט דיר געגעבן דעם באַנגן —
איז ריכטיק, נאָר ליידער צו אָרעם פאַר מיר:
און איז אויך אין זין מיר ניט גאַנץ איינגעגאַנגן
ווייל ער איז צו שוואַך און צו קליין נאָך פאַר דיר!...
דער צדיק ער האָט עס געהערט און פאַרנומען,
דער פירשט האָט זיין גאָלדענעם בעכער צעקנאַקט...
די פיס וואָס זיי זענען צו מיר ניט געקומען —
זיי זאָלן אויך ווערן אַראָפּ דיר געהאַקט!

און איר האָט אוודאי אויך גאָרניט דאַגעגן
אַצינד מיינע הערן מען זאָל אים דעם ייד, —
אַזוי ווי עס קומט אים דאָס האַרץ זיינס באַוועגן,
צענעמען באַזונדער זיין יעדערעס גליד...
עס האָבן געלאַכט ביי דעם פירשט די גדולים —
אַ שוואַרצער פאַראייניקטער גיפטיקער בונד.
ביז ענדלעך האָט הגמון דער רשע באַפוילן —
צו נעמען און בינדן דעם יידישן הונט!...

(המשך קומט)

## י. ביעטש

# מער נישט צוריקגעקומען

(דערציילונג)

צוויי זיינען געווען אינם שטעטל ר., וועלכע האָבן זיך עפּעס נישט אַריינגעפּאַסט אין דער רואיקער אַטמאָספערע וואָס אַרום.

לייזער צלם־קאָפּ און יענקל בעל־עגלה.

יענקל אַ קליין נידריק יידל, מיט אַ געדיכט שוואַרץ פאַרפּלאָנטערט קאָזע בערדל, איין אויג אַ בלינדס און אַביסל אונטערגעהינקט. אינם שטעטל האָט מען אים גערופן דער לאָמער, מחמת דעם וואָס איין פוס איז ביי אים געווען אַ קורצער. ער איז שוין געווען אַ ייד אין די יאָרן און אַלץ אין אים איז געווען עפּעס אַזוי שפּיציק און שאַרף, אַז ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ר'וואָלט תמיד געווען בייז און אויפגערעגט. שטאַרק ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן; אַז ער האָט אַשפּאַר ביסל אויסגעטרונקען פון די שטאַרקע משקה, ווערן מורא'דיק אין כעס און זיין אַנגעזאַמלטן צאָרן אויסגיסן אויף די בעלי־בתים און קרעמער פאַר זיין שווער פינצטערן לעבן.

גאָר אַן אַנדערער איז געווען לייזער. אַ בחור אַ ברען אַ טאַטנס אַ קינד. דער עולם האָט אויף אים געוואָרפן אַן אומחן, מחמת דעם, וואָס ר'האָט תמיד געהאַט סודות מיט דער יונגוואַרג, און זיי געגעבן עפּעס ביכלעך, וואָס די יידן אינם שטעטל האָבן זיך געשראָקן. ער איז געווען אַ גרויסער צולהכעיסניק, געטון וואָס ר'האָט געוואָלט. און געוואָלט האָט זיך אים תמיד משונהדיקע ווילדע זאַכן, עפּעס גאָר נישט געראָטן אין זיין פאָטער ישעיה־העשל, אַ שטילער, פרומער ייד, וועלכער האָט נישט געשעפּט קיין פליג אויף דער וואַנט. אַלע אינם שטעטל האָבן זיך געחידושט, אַז פון אַט דעם שטילן ייד איז אַרויסגעוואַקסן אַזאַ זונדל.

חוה־לאה לייזערס מוטער, אַ הויכע יידענע, מיט אַ קרומלעכער נאָז אויף איר לענגלעך ביינערדיק פּנים, אַביסל אַנאַיינגעהויקערטע פּלייצע פון צופיל קינדלען, האָט אים געקרוינט מיט דעם צונאָמען — צלם־קאָפּ, צוליב דעם וואָס זי האָט אים, ווען ר'איז געווען נאָך גאָר יונג, איינמאָל שבת, באַלד נאָכן פליישיקן טשאָלענט, געכאַפּט בשעת ער האָט איינגעביסן אינם טרוקענעם האַלב פאַרגעלטן שפּיץ פון אַ גרויסן פעטן קעז, וואָס איז געלעגן אין קיך צום טרוקענען. פון דאַמאָלט אָן האָט ער אין שטוב געקראָגן אַסך צונעמען, ווי שמדניק, זולל־וסובא, כל־בו'ניק, צלם־קאָפּ, נעמען וואָס האָבן אים פאַרשאַפט אַסך צרות, ספּעציעל מצד זיינע חברים. זיין ריכטיקן נאָמען האָט קיינער נישט געברויכט צו וויסן, אַז מען האָט נאָר געזאָגט צלם־קאָפּ, האָט מען שוין געוואוסט וועמען מען מיינט.

דאָס שטעטל ר. וואו יעקל פריער און שפּעטער לייזער האָבן פאַרברענגט זייערע יונגנט יאָרן, איז געווען אַ קליינס, אַן אָרימס, אַריינגעקוועטשט אין אַ ווינקל צווישן אַ באַרגיקער געגענט. אַזוי אַז ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק



ווי ס'וואָלט זיך פאַר עפּעס בייזעס באַהאַלטן. אַפּגעלייגט אין אַ זייט איז פון כמה יאָרן שטיין געבליבן אַ הויכער דיקער טורם, פון אַן אַלטן צעשאָסענעם ריטער שלאָס, וואָס איז מיט די פילע פאַרבאָרגענע ערטער, געווען אַ צוזאַמענטרעף פאַר לייזערן מיטן יונגן עולם.

יאָר איין, יאָר אויס, שטייט דער טורעם און ווי סימבאָל פון אַמאָליקע גלאָריע, גלאָצט מיט זיינע פינצטערע לעכער און האַלב אָראָפּגעשאָסענעם שפּיץ אויפן שטעטל, מיטן שמאָלן טייך, וואָס קרייזט עס זינט יאָרהונדערטער אַרום; קוקט ווי עפּעס אַן אַנזאָגער פון שלעכטע בשורות אויפן קיילעכדיקן מאַרק, מיט די קלייטן און באַריידעוודיקע ווייבער, וועלכע זיצן אין די ווינטערטעג, פאַרקויפן פאַרפרוירענע עפּל, זומער מיט אָפענע צעכראַסטעטע בלוזעס, מחמת די שווערע היצן; דערציילן איינער דער אַנדערער פון לאַנג פאַרגעסענע מעשיות און גיבן זיך איבער סודות און אַנצוהערנישן, וועגן ווייבערישע זאַכן... די יונגערע ווייבלעך פון ערשט נישט לאַנג נאָך דער חתונה, וועלכע העלפן צו אין דער פּרנסה, רויטלען זיך בעת די צווידייטיקע שמועסן, זיצן מיט עפּעס אַן אַרבעט אויף דער שויס און שווייגן.

אַ גרויס אָרט האָט פאַרנומען אינם יידישן־שטייגער לעבן, יענקל דער לאָמער, מיט זיין גרויסן תמיד שווער באַלאָדענעם וואָגן און זיינע הויכע צוויי קאָרע פערד, וועלכע זיינען פאַר יאָרן לאַנג געווען דער לעבנס נערוו פונם שטעטל. זומער ווי ווינטער, יעדן מאָנטאָג און מיטוואָך, געשטאַנען נישט ווייט פונם פוילישן קלויסטער, וואַרטנדיק אויף ר' גרונם, וועלכער פאָרט מיט אים יעדע וואָך אין די גרויסע שטאָט נאָך סחורה. אַ בכבודיק פּלאַץ אין שטעטל, האָט פאַרנומען יענקלס גרויסע לעדערנע קעשענע, וואָס איז געווען צוגענייט צו אַן אַלטע בעקעשע, אַ ירושה נאָך פון זיין זיידן ר' געצל. טיף אין דער קעשענע האָבן זיך צונויפגעמישט כמעט אַלע ענינים פון שטעטל. כל־ערליי בריוו וועקסלען געצאָלטע און נישט געצאָלטע, בריוו פון בית־המדרש בחורים צו זייערע כלות.... קאַרטלעך פון באַזאָרגטע מוטערס צו זייערע טעכטער, מיט אַנגעמערקטע שטעלן, אַז למען השם... היטן זיך, הייַנטיקע צייטן, ווער ווייס וואָס ס'קען טרעפן.

גאָר לעצטנס איז אויך אין דער לעדערנער קעשענע אַריינגעפאַלן מאָדנע נייע בריוולעך, וועלכעס יענקל האָט נישט ווילנדיק מיט אַ גראָבן ברום אַריינגעוואָרפן, ווי איינער זאָגט נו, שוין, פּטור, צו אַלעם דעם פלעגט לייזער פון צייט צו צייט, מיט זיך מיטנעמען עפּעס אַ שווער קעסטל. וועלכעס יענקל האָט מיט זיין פאַרהאַרטעוועטן בעל־עגלה'לישן בליק, אונצופרידן און פאַרדעכטיק אויף דעם געקוקט. ער האָט אין אַזעלכע פאַלן, גענומען אַ פּאָר עקסטרע שלינג פונם ביטערן טראָפּן. שטאַרק פאַרצויגן אַרום זיין אַביסל פאַרשפּיצטן בויך מיט דעם ברייטן לעדערנעם פּאַסיק מיטן געלן שנאַל, דער ביי מורא'דיק זיך צעשרייען, אַז ר'האָט אַ ווייב מיט קינדער און ס'איז דאָס לעצטעמאָל, וואָס ער לאָזט אים מיטפאָרן. טראַכטנדיק וועגן עפּעס... צו זיך געברומט: „מילא, פּרנסה — מלחמה!“

נאָך יעדע אַזאַ נסיעה האָט גרונם גומל געבענטשט. נאָך דעם, ווי תמיד פּאַמעלעך זיך אָרעקגעזעצט, אויסגעגלעט זיין ברייטע שוואַרצע באָרד, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ שטייגער ייד, וועלכער האַנדלט מיט שניט סחורה. אין בית המדרש איז געוואָרן לעבעדיק, אַלע אַרום אים האָבן מיט נייגעריקייט אויף עפּעס געוואַרט. ר. גרונם האָט אַרויסגענומען זיין טאַבאַק שקעטעלע, עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, אַליין אַריינגעצויגן אַ שפּאַר ביסל טאַבאַק, פון וועלכע זיין פּעטע נאָז האָט זיך שטאַרק צענאָסן. זיך אַרומגעקוקט, אַזוי ווי איינער זאָגט: איך האָב צייט.....

ערשט דאַן גענומען באריכות דערציילן פון זיינע רייזעס אין די גרויסע שטעט, דער ביי זיך אַביסל פאַרטראַכט: „איי, איי“ — האָט ער מיט אַ בעל־בתיש קרעכצעלע געזאָגט: „בישטאָ די צייטן פון אַמאָל, אַנשטאָט די אַלטע שיינע יידן; יידן מיט תורה און יראת שמים, זעט מען היינט בייכיקע פאַר־שוינעט אָן אַ סימן פון אַ באָרד, מען ווייס אַפילו נישט צי זיי זיינען יידן“. זיך אַנדערציילט גאַנצע פּעק, וועגן די גרויסע אויפטועונגען און אַלעמאָל נייע המצואות'ן, וואָס ס' ווערט אַריינגעפירט אין לעבן, ממש וואונדער איבער וואונדער. אין בית־המדרש, וואו אַלץ לייגט זיך אויף דער נשמה מיט אַ שווערן געמיט, גלייך עפּעס ווי מיט אַ כוונה צו מערן די ביטערע מחשבות, האָט דער עולם מיט האַרצקלאַפּעניש זיך צוגעהערט צו די אומהיימלעכע לעצטע נייסן, וועגן יענע חברה, וואָס בונטעווען זיך און ווילן אַראָפּוואַרפן דעם קיסר. ועל־כולם פון די ערשטע פרישע איבערפאַלן אויף די וועגן, וואָס האָט אויף די יידן פונם שטעטל אַנגעוואָרפן אַ פּחד. דער נאָך איז געגאַנגען אַ ברייטער שמועס, מכוח שכר־ועונש, תחית המתים, וועגן גוטע יידן און רבנים. די מחלוקות אינם שטעטל צוליב דעם נייעם רב, האָט דעם עולם צוטיילט אין פאַרשידענע מיינונגען, אַזוי אָן אַ סדר, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

בכלל האָט ר' גרונם געהאַט אַ שוואַכקייט פאַר „גומל־בענטשן“. איז אַ האָז אַריבערגעלאָפן ביינאַכט דעם וועג און יענקל דעם לאָמענס צוויי קאַרע פערד האָבן זיך פלוצים אָפּגעשטעלט האָט ער גומל־געבענטשט. פאַר יעדן קלענסטן מכשול, וואָס ס'טרעפט און קען זיך טרעפן, האָט ער געזאָגט דאַרף אַ ייד גומל־בענטשן. תמיד זיך ווענדן צו רב שלום דיין, דער בית־המדרש ויצער, אַ ייד אַ זקן און אַביסל טויבלעך. וואָס זאָגט איר האַ? וועלכער האָט מיט אַלעם וואָס ער האָט געזאָגט מסכים געווען. אַפילו ווען ר' גרונם האָט איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן געבריינגט פון אַ דערבייאיקן שטעטל זיין דריט ווייב, אַ הויכע בייזע יידינע מיט צוויי מיידלעך, האָט ער ווידעראַמאָל גומל־געבענטשט. אין שטעטל האָט דער עולם, מיט בעל־בתישן געלעכטער צווישן זיך געשמועסט, אַז פאַרנדיק דורכן וועלדל ביינאַכט, האָט זי מיט כעס פון עפּעס אויפגעציטערט, אָנכאַפּנדיק אים ביי דער האַנט. האָט זי מיט כעס אים אַ שטויס אָפּ פון זיך געטון, אַז ר'איז שיער נישט פון וואָגן אַרויסגעפאַלן. ווען אַ פּאָר לצים האָבן אים געפרעגט נו, ר' גרונם, איר האָט דאָך דאַסמאָל קיין מכשול נישט געהאַט. אַ דין ציניש שמייכעלע האָט זיך אויף איינווייט



פון זיין קיילעכדיק פנים באַוויזן, ער האָט אויפגעהויבן זיינע דיק אָנגע־וואַקסענע ברעמען און מיט די קעציקע גרויע אויגן, יענעם טיף אָנגעקוקט, אַזוי ווי איינער זאָגט: עס האָט דאָך געקענט זיין.....

אין די שטעטלעך אַרום האָט אָנגעהויבן שטאַרקער עפּעס זיך צו באַוועגן, יידן האָבן מיט מורא געקוקט אויף די שלעכטע נייסן און אומרואיקער צייט, וואָס רוקט זיך אָן אויפן שטעטל, עפּעס ווי אַ שטראָף פון זיין ליבן נאָמען.

נאָך אַ זאָרג איז צוגעקומען, צו דעם אַזוי אויך שוין שווערן און טרויריקן לעבן, וועגן דער יוגנט, וואָס ווערט קאַליע. די הויפּט סיבה דערפון האָבן די ווייבער אין מאַרק צווישן זיך גערעדט איז לייזער צלם־קאָפּ. ס'איז דען אַ וואונדער, האָט אַן עלטערע יידינע מיט אַן איינגעקנייטשט פנים געזאָגט, אַז אַ יונג גייט אַרום פוסט און פּאַסט, האַלט רעדעס פאַר גזעלן און דינסט־מיידלעך, אַז ס'זאָל קיין געלט אויף דער וועלט נישט זיין, קיין אָרים און רייך; לאַכט פון אַ יענער וועלט און זאָגט, אַז דאָס לעבן איז נישט אַזאַ ווי עס בע־דאַרף צו זיין, האָט איר געהערט, ער דער שמדניק וויל איבערמאַכן די וועלט! זיסל די שענקערקע, אַ שווער באַלייבטע מיט אַ נישטקשהדיקן גוידער, האָט ממש איינגעלייגט וועלטן, סטייטש אַלץ הפקר פיעטרושקע, וואו זיינען גוטע יידן? זיך געווענדעט צו די איבריקע ווייבער, איר הערט? מיינער זאָגט, אַז מען טאָר דעם צלם־קאָפּ אין קיין יידישער שטוב נישט אַריינלאָזן, ער קען נאָך ברייגנען אויף אַלעמען אַנאומגליק.

אָבער נישט געקוקט, וואָס אינם שטעטל, האָט די יוגנט אַ רוק געטון זיך פאַראויס, איז דער לעבנס שטייגער אַלץ געבליבן, ווי פריער, אָן רעש, תמיד די זעלבע דאגות פרנסה, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון פאָטער צום זון פון דורות לאַנג. האָט ווען אַ ייד בין מנחה למעריב, זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף דער זון, וואָס זעצט זיך הינטער די אַלייען, שפּילנדיק זיך מיט די שפּיצן פון די ברייט פאַרצווייגטע קאַשטן ביימער, טראַכטנדיק, „מה נאה אילן זה“, האָט ער זיך גלייך געכאַפּט, אַז „הרי זה מתחייב בנפשו“. אַז ר'איז מקצר זיינע יאָרן. אַזוי האָט דאָס לעבן זיך געצויגן. דער יונגער דור איז אַלט געוואָרן, דער אַלטער דור איז געשטאַנען אָן שום פאַרענדערונג.

* * *

לייזער איז פון זיין פריסטער יוגנט געווען אַן אונרואיקער. פאַר קיינעם קיין מורא נית געהאַט, געפירט ווי תמיד זיין פאַרדעכטיקט קעסטל אין די גרויסע שטאָט. ר' גרונם האָט נאָך יעדע נסיעה, וואָס לייזער איז פונקט דאַ־מאָלט אויך געפאָרן, גומל געבענטשט און יענקל דער לאָמער, האָט זיך גע־בייזערט אַז ר'האָט אַ ווייב מיט קינדער, געצויגן זיין ברייטן פּאַסעק מיטן געלן שנאָל און מיט זיין גראָב בעל־עגלה'שן קול געברומט: פרנסה, מלחמה... ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז לייזער צלם־קאָפּ זוכט תמיד עפּעס אַ שטור־פעריי, אַלעמען צולהכעיס.

דער חשק צו פירן אַ ראָמאַנס האָט זיך ביי לייזערן דערוועקט, ווען ר'איז נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע זעכצן יאָר. געשען איז עס אומגעריכט,

איינמאָל אין אַ שבת פאַרנאַכט, בשעת די שטאָט מיידלעך גייען שפּאַצירן און מען פאַרבלאָנדזשעט צום לאַנגן יחיאל־נטע אינם קליינעם סעדל, וואָס איז געווען האַרט ביי דעם קליינעם פּאַרקל, וועלכעס מען האָט גערופן די אַלייען; טאַקע אין דעם סעדל האָט לייזער צופעליק באַגעגנט אסתרן, דאָס עלטסטע מיידל פון ר׳ גרונם׳ס דריטע ווייב. זי איז געווען אַ מיידל כמעט אין זיין עלטער, אַ הויכע מיט בלויע פאַרחלומטע אויגן. איר שלאַנקע פיגור לייכט און פריש, מיט אַ קרוין פון ווייכע סאַמעטענע שוואַרצע האָר, אויף איר קאָפּ. אַז זי האָט זיך פון עפּעס צולאַכט, האָט אין דעם געשטעקט, דער חשק פון אַ יונג מיידל, וואָס הייבט אָן רייף צו ווערן. ביי לייזערן אונטער דער ברוסט האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן.

יענע נאַכט האָט ער נישט צוגעמאַכט קיין אויג. אַ קול האָט כסדר געהילכט אין זיין האַרץ: אסתר... ווי נאַריש דאָס איז אַלעס — האָט ער געטראַכט, קוקנדיק אויף די פענצטער, וועלכע זענען געווען באַדעקט מיט אַ שטיק פינצטערניש. ס׳האָט זיך אים געדוכטן, אַז ס׳איז נישט געווען רעכט פון אים, איר באַלד צו דערקלערן, וועגן גאָט און מענטש, וועגן די סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, און אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון. אמת אַז אַלץ מוז געטון ווערן פאַר דער הייליקער זאַך, פאַר דעם גרויסן טאָג, וואָס דאַרף אָט, אָט קומען, דער טאָג פון דער מענטשלעכער באַפרייאונג. זיך אַליין פאַרוואַרפן, לייכטזיניק ר׳איז, אַז בעת ער האָט איר דאָס אַלץ דערקלערט, האָבן זיינע געדאַנקען גאָר פון עפּעס אַנדערש געטראַכט... נישט בחינם האָט זיין צונג די גאַנצע צייט זיך געפּלאָנטערט און נישט געוואוסט, ווען אויפצוהערן. ר׳האָט זיך אָבער געטרייסט, וואָס אסתר האָט מיט אים אַזוי פיל געשמועסט און מיט אַ ליבלעכן שמייכל אים אָנגערופן נאַרעלע.

אַ שטאַרקער פאַרלאַנג האָט לייזערן געמאַטערט, זיך מיט אימיצן צו טיילן, זיינע אַזוי קורצע איבערלעבונגען. אָט איז דיר אָן אינטערעסאַנטע באַגעגעניש מיט אַ מיידל. האָט ער צו זיך געזאָגט און שוין איז צוגעקומען אַ נייער פאַרלאַנג. אַ פאַרלאַנג, וואָס איז איינמאָל אין אַ פאַנטאַסטישן זומער פאַרנאַכט פלוצים געבוירן געוואָרן; עפּעס אַזוי, ווי אַ ווילדע פלאַנץ, וואָס איז נעכטן נישט געווען און שפּעטער צו, זיך צעבליט. פאַר די חברים וועט ער דאָך נישט דערציילן, אַז ר׳האָט זיך פון דעם ערשטן אויגן־בליק זיך פאַרליבט, ווען די פאַרטיי אַרבייט פאַר דער הייליקער זאַך איז אין פולן ברען. אויסער די חברים איז נישט געווען מיט וועמען צו ריידן.

לייזער און אסתר האָבן מיט דער צייט זיך כמעט ווי איינגעלעבט אין זייער נייער ראָל. שפּעט אין די אָוונטן פלעגן זיי זיך טרעפן אויף זייערע באַליבטע פּלעצער, אַמאָל אונטערן אַלטן צעשאָטענעם היטער שלאָס, אַמאָל ביי די מיל, אָבער תמיד אויף דעם בערגל און די צווייטע אַלייע ביים טייך. לייזער האָט אין די אָוונטן געפילט, אַז אַ קוואַל פון עפּעס הייסעס און ליבעס, עפּענט זיך ביי אים אין האַרצן. אַז זיין נשמה ווערט פאַרשיכורט פון עפּעס אַ שיינעם און זיסן חלום. טוליענדיק זיך איינער צום צווייטן און שווייגנדע



קוקן אין דער ווייטער פינסטערניש... זיך איינהערן אין דעם אייביקן סודות־דיקן אומרו פון טייך.

אין דער היים האָט מען אָנגעהויבן צו באַמערקן אַז אסתר, ווערט ערגיץ נעלם אויף גאַנצע שעהן, מייניסטנס אין די אָוונטן, מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, מיט וואָס דאָס שמעקט. אַ קלייניקייט לייזער צלם־קאָפּ, וואָס חברט זיך מיט שקצים און איז מיט זיי אויסגעקאָכט, ווי מיט ברידער. ווער ווייס, וואָס ס׳קען געשען? ווען אסתר איז איינמאָל אַהיימגעקומען פון אַזאַ שפּאַציר, האָט איר מוטער, גלאַט אַזוי אַ פרעג געטאָן, וואו זי איז געווען, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט זי מיט כעס אויסגעשאָסן: „וואָס איז דאָס פאַר אָן אַרומשלעפּעניש שפּעט אין דער נאַכט“, מיט דעם כל־בו׳ניק, מען וועט דאָך אים אין סיביר פאַרשיקן דעם צלם־קאָפּ, ווי קומסטו דו צו אים?“ און זיך צעשריגן: „זע נאָר זע, זי ווייסט פון גאָר נישט צו זאָגן, נאָך דאָס פעלט מיר צו אַלע צרות. אַלע אין שטעטל טייטלען אויף מיר מיט די פינגער, און זי ווייסט פון גאָר נישט, שיין נחת דערלעבט. אסתר, איך זאָג דיר אַז פון אַזוינע וואָכן קומט קיין גוטס נישט אַרויס“....

אסתרן זיינען די פאַרבן געקומען אין פנים, עפּעס ווי מען וואָלט איר כאַפּן אויפן אָרט אין אַ גנבה. נאָך אַסך טענות און געשרייען, האָט זי צוגעשטימט אויף אַ שטיקל צייט אָוועקצופאָרן פון שטעטל. אַ כיטרע שמייכעלע האָט זיך געלייגט ביי די ווינקלען פון איר מוטערס מויל, בעת זי האָט געטראַכט פון דעם אַלטן אויסגעפּראוווטן מיטל, דורך דער צייט צו קריגן עפּעס אַ לייטישן שדוך און חתונה מאַכן: ווי זאָגט מען, חתונה געהאַט, מוז מען מיטן מאַן לעבן, דאָס וואָס די אויגן זעען נישט, טוט דאָס האַרץ נישט וויי. נאָר וואָס ווייטער אָוועק פונם שטעטל, פונם צלם־קאָפּ, אַלץ בעסער, האָט זי אַרויסגייענדיק פון אסתרס צימער, שטיל צו זיך געזאָגט.

די דאָזיקע ווערטער פון איר מוטער, האָט אסתרן פלוצים אויפגעבראַכט, ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן שרעקלעך, ערנידעריגענד, אומריין. אַ קאַלטער שוידער איז אַ דורך איר לייב. זי האָט צוגעדריקט איר הייס פאַרפלאַמט פנים צום פענצטער. אויף דער גאַס איז געווען פינצטער און שטיל, די לבנה, איז עפּעס ווי צולהבעים אַפּויער פון אַ שטיק פינצטערניש און זיך געשטעלט הינטערן קלויסטער. ס׳האָט זיך איר געדוכטן אַז אַ מענטשלעכער פיגור איז פון ערגעץ אַרויסגעטראָטן, עפּעס געזאָגט און פאַרשוואונדן טיף צווישן די געדיכטעביימער פון די אַלייען. אין דער רגע איז אין איר מחשבה אַ דורך די אַלע אָוונטן, אַלע אינטערעסאַנטע שמועסן, וועגן דעם גרויסן טאָג, וואָס דאַרף קומען. אסתר האָט ביי זיך באַשלאָסן צו פאָרן אין די גרויסע שטאָט לאָדזש, אַריינטרעטן אין דער פאַרטיי און צוזאַם מיט לייזערן אַרבעטן פאַר דער הייליקער זאַך.

אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָט לייזער אסתרן נישט געזען. עס איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך. ער האָט נישט געקענט באַגרייפן פאַר וואָס לאָזט זי פון זיך גאָרנישט הערן. אַ מיאומדיקע איינזאַמקייט האָט אַרומ־

געטומען זיין נשמה. פאַרצווייפלט און טרויריק פלעגט ער יעדן אָוונט זיך אַוועקלאָזן ערגעץ אויסער דער שטאָט, ביז שפּעט אין דער שטומער נאַכט. וואוהין? נאָך וואָס? האָט ער אַליין נישט געוואוסט און ביי זיך נישט געפרעגט. ער האָט דערפילט אַז דאָס גאַנצע ביז איצט באַשאַפנדע אין זיין מוח און האַרץ פאַלט איין ווערט חרוב. אַ שווערע און שטאַרקע מלחמה, איז אים אויסגעקומען צו האַלטן מיט זיך, צו פאַרטרייבן די בייזע און קאַלטע מחשבות, האָט לייזער מיט זיין גאַנצער קראַפט און ענערגיע אַריינגעוואָרפן זיך אין דער באַפרייאונגס באַוועגונג, וועלכע האָט דאַמאָלס אַרומגעכאַפּט אַלע יונגע מוחות.

און דאַן ווען ער האָט שוין געפילט זיך פריי און פאַרגעסן אַן אסתרן האָט ער איינמאָל אין אַ שיינעם זומער פאַרנאַכט, ווען עס ראַנגלען זיך אַזוי ווייך און ליב די שאָטנס מיטן ליכט פון טאָג, צופעליג זי ווידער באַגעגנט. דאָס איז געווען אין חודש אַפּריל, 1905. דער טאָג איז געווען אַ הייסער. די זון האָט פון באַגינען זיך איבערן שטעטל אויסגעלייגט און געשפּריצט מיט פייער. די צוויי קאַרע פערד פון יענקל דעם לאָמער, וועלכע זיינען געשטאַנען אין עק מאַרק מיט האַלב לײדיקע טאָרבעס אויף זייערע שווערע דרימלנדע קעפּ, האָבן אומרואיקע מיט די געדיכטע האָריקע ווידלען געטריבן די שוואַרצע פּעטע פליגן, וואָס האָבן זיך דוקא געזעצט אויף זייערע ברייטע פון זון צעגליטע רוקנס און זיי געקיצלט.

דער גרויסער וואָגן פאַרנאַכט צו איז שוין געווען געלאָדן הויך אַזוי ווי אַ פּיראַמידע ביי די זייטן זיינען געווען צוגעבונדן קאַסטנס מיט אייער, הינער גענז און קאַטשקעס, וועלכע האָבן אַלעמאָל אַרויסגעשטעלט אַ האַלב קעפּעל מיט אַן אייגל דורך די שפּאַלטן פון די אָפּגערוקטע ברעטלעך פון די קאַסטנס. די קולות פון די עופות און דאָס געדעריי פון די באַזעצטע ווייבער, האָבן זיך צונויפגעמישט אין אַ רעש פון קולות, אַזוי ווי זיי וואָלטן אַלע אויסגעשריגן איין גרויסע קללה, אויף זייער פינצטערן מזל. ערשט פאַרנאַכט צו איז געקומען לייזער מיט זיין פון אַלעמען פאַרהאַסטן קעסטל, וועלכעס יענקל האָט אַריינגעקוועטשט צווישן די זיצנדיקע ווייבער, זיך געבייזערט געצויגן דעם ברייטן פּאַסיק מיטן געלן שנאָל און געברומט מיט זיין פאַרהאַרטעוועטן בעל־עגלה׳שן קול: פרנסה — מלחמה.....

אין דער זעלבער צייט איז פון ערגעץ אַ פאַרסאָפּעטע פון אַ שווערן קאַמף מיט זיך אָנגעלאָפן אסתר. ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי עפּעס אַן אָפּגעמאַכטער פּלאַן איז פאַראַן צווישן יענקלען און איר... און אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, ווען איר מוטער און ר׳ גרונעם זיינען פּונקט ניט געווען אינם שטעטל, פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן, צו פאָרן אין דער גרויסער שטאָט... דער גרויסער באַלאָדענער וואָגן האָט בשעת רירן זיך אַ שווערן סקריפּ געטאָן און ווי נאָר זיי זיינען אַריבער דער ליטווישער בריק טיף אַריינגעשניטן זיך אינם זאַמדיקן שליאַך. דער יונגערער עולם איז אַרונטער פונם וואָגן כדי צו מאַכן לייכטער פאַר די פערד, וועלכע האָבן זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט.



אין מערב האָט דער הימל אָנגעהויבן אויף זיך אָנציען דעם גלאַנץ פון אַ פּראַכטיקן זונען אונטערגאַנג. גייענדיק איצט מיט אסתרן איז זיין נשמה געווען איבערפולט מיט פרייד. פון אירע דערקלערונגען אַז זי האָט אים נישט פאַרגעסן און דאָס פאָרט זי איצט צו אירס אַ פריינדין אַ זאַקנמאַכערין, ווי זי וועט זיך אויסלערנען אַ פאַך און דאַן... זי האָט זיך וועגן עפּעס פאַרטראַכט. געקוקט אויף דעם לאַנגן זאַמדיקן וועג, וואָס האָט זיך געהילט אין אַ האַלב טונקלנעם בלויען הימל. די גאַנצע צייט האָט לייזער געפיבערט, פלאַמען האָבן זיך געצונדן אין זיינע באַקן. האַלטנדיק איר האַנט אין זיינער האָט ער געפילט אַ וואַרעמקייט, וואָס האָט אים שטאַרק גערייצט. זיינע געדאַנקען האָבן זיך אָנגעהויבן מישן, ס׳האָט זיך אים געדוכטן אַז אָט, אָט, וועט עפּעס געשען. אָבער פּלוצלינג זיינען זיינע איצטיקע האָפנונגען אויסגעלאָשן געוואָרן, ווען די פערד זיינען אַרויף אויפן שאָסיי און היימלעך אַוועקגעלאָפן.

אָפּפאָרנדיק אַ שטיקל צייט, אָנקומענדיק נענטער צו דער שטאָט לאָדוש, איז געשען דאָס, וואָס יענקל דער לאָמער האָט זיך תמיד געשראָקן: פאַר דער רעוויזיע. לייזער האָט אויף גיך עפּעס געזאָגט אסתרן, אַז למען־השם דאָס קעסטל. עס איז געוואָרן אַ טומל צווישן די ווייבער, בלויז אסתר האָט זיך נישט פאַרלוירן, זי האָט מיט איר ברייט געפאַלדעוועט קלייד זיך דאַרויף געזעצט און עס איבערגעדעקט. די פּאָליציי האָט אַ נישטער געטאָן צווישן די ווייבער. אסתר האָט שעלמיש פון עפּעס אַ קוויטש געטאָן... אַ ברייט שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אויף אירע טיף בלויע גלוסטיקע אויגן, אַז, ווי איינער זאָגט: נישטאָ וואָס צו זוכן....

יענקל האָט געקראָגן זיין חלק קלעפּ, אַז ער זאָל געדענקן נישט צו פירן מער קיין בונטאָוטשיקעס. אַ פאַרבלוטיקטן האָבן זיי לייזערן מיט זיך גענומען ער האָט זיך אַן עפּעס דערמאָנט און זיך אַרים געטון און געוואָלט געבן אַ שפּרונג צו אסתרן, נאָר אין דער רגע איז אים אַרויף אויפן רעיון דאָס קעסטל, ער איז פּלוצלונג שטיין געבליבן ווי פאַרגליווערט. לייזער אויסנוצנדיק דעם טומל, האָט הויך אַרויסגערעדט עפּעס אַ פּאָר נישט פאַרשטענדיקע ווערטער. אסתר האָט אינסטינקטיוו דערפילט וואוהין לייזער צילט.

קראַנק און צעבראָכן איז יענקל פון די דאָזיקע געשעעניש אַהיימגעקומען. אסתר איז מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער געקומען צוריק אינם שטעטל, מען זאָגט אַז זי האָט חתונה געהאַט. דאָס קעסטל איז אָנגעקומען דאָרט, וואו מען האָט מיט אונגעדולד אויף דעם געוואָרט. נאָר לייזער צלם־קאָפּ איז אינם שטעטל שוין מער נישט צוריקגעקומען.

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy    £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street, W.C.1

## משה עובד

# משיח׳ס נסיעות און נסיונות

### איוב אויף דעם יושר בארג

קאַפּ. ד.

ניט ווייט פון דער קאַרסעטן שטאָט;
פון ענגע גאַסן און לויזער מאַרק,
איז געשטאַנען דער העכסטער פון אַלע בערג
מ׳האָט אים גערופן דער „יושר־באַרג״.
ווייל פון יעדער זייט פון באַרג,
איז געווען אַ טיפער טאָל,
און די לאַנדשאַפן פון די הימלען,
האָט אויסגעזען ווי אַ וואָגשאָל,
איז דער אויסלייזער מיט זיין איזעלע,
אויף דעם יושר־באַרג אַרויף,
משפטן די קאַרסעטן שטאָט,
און מאַכן פון איר אַ סוף.

„איז דאָס ריכטיק אַזוי, כביכול, איך בעט דיך״,
האָט זיך ביים בורא־עולם געפרעגט משיח! —
„אַז די פרוי זאָל אין קאַרסעטן ליגן ווי אַ וואָרעם אין רעטעך?
גענוג עוולות ווערן באַגאַנגען געגען מענער געשלעכט
מוז נאָך די פרוי אויך ליידן פון אונרעכט?״
און דער אויסלייזער האָט די עוולות געגןביידע געשלעכטן,
אַרויפגעלייגט אויף יושרס וואָגשאָל,
און איבערגעוואויגן האָבן אירע,
אַכט־און־אַכציק מאָל.

משיח האָט שטאַרק געציטערט עס זאָל חלילה ניט גיין אַזוי ווייט,
ווען אפילו די פרוי וועט אויפהערן גלויבן אין דער געטליכקייט פון
[גערעכטיקייט.

און אַזוי ווי ער „ציטערט״ צעשרייט זיך ס׳איזעלע:
„הי הוי! איך שווער ביי מיין אויגנבליק,
ווי איך זע אַ תחיית־המתים׳ניק!
אוי, איך דערקען אים, אַ רוח אין אים אַ רוח!
יאָ עס איז ער, עס איז איוב ווי דו ביסט משיח״.

האָט משיח געצערנט:
„פאַר וואָס שילסטו אים דו חמור־קאָפּ!



האָב איך ניט מיט דיר טויזנטער מאָל געלערנט,
אַלע מענטשן צו בענטשן,
דעם פאַרבלאָנזשעטן, אַ וועג צו ווייזן,
האָט ער זיין נשמה פאַרקויפט,
מוז מען זי מיט ברכות אויסלייזן״.

„יאָ גואל־לעבן״, מאַכט ס׳איזעלע, „האָסט מיך גוט דערצויגן״,
און אַראָפּגעלאָזט אַ פאַרשעמטער זיינע חרטה־אויגן.

„דאָס געשאָלט פון איוב׳ן דערגענטערט זיך, און משיח זאָגט צו זיך:
„יעדעס ווינקעלע פון מיין האַרץ איז דאָך שוין באַזעצט מיט צער
אָ, גאָט, מיין גאָט!
ווי וועל איך נאָך געפינען פאַר אים אַן אָרט?״
און ס׳דוירעט קיין רגע אַמאָל,
און איוב ווערט שוין געוואויגן,
מיט דער יושר וואָגשאָל,
פון משיחס אויגן.

איוב האָט געהאַט ס׳גליק,
וואָס משיח האָט פון אים אָפּגעשיילט,
די אָנגעפּלאָצטע שאָל פון פאַלשקייט,
מיט איין שאַרפן בליק,
לאַנג איז זיין געוויסן געלעגן אין שימל,
זיין נשמה אָפּגעבליאַקעט טויט,
און אַט שטייט ער ווי אַ ריינער פרישער הימל
און צוויי זונען לעכערן זיין הויט.

און איוב איז זיך מתוודה:
„איך האָב אין מיין קאַרסעטן שטאָט געהערט,
אַז משיח איז שוין צו מזל דאָ,
און אויף דעם יושר־באַרג געמאַכט זיין וואוינונג
בין איך אַהער געקומען איינשטילן מיין האַרץ, מיין אונרו.
עס האָט דאָך ניט קיין זין,
צו דערציילן ווער איך בין,
מיין נאָמען איז דאָך אַ שם־דבר ביז גאָר,
פון אַלטן טעסטאַמענט ביז דער נייער ליטעראַטור,
מ׳האָט מיך שוין אַ מיליאַרדן מאָל געמאָלן
אויף קופּער געקריצט, און האָלץ געשניצט,
אין ליים געקלעפּט, און לייוונט געוועבט,
מיט מיינע צרות האָט זיך יעדער זיינע געטרייסט,

מיט מיין פריילעכן סוף געמונטערט זיין פאַרחלשטן גייסט,
טויזנטער אונגלויבליכע אגדות האָט מען איבער מיר דערציילט,
ביז מ'האָט אַפֿילו געזאָגט, אַז איך בין אַ לא היה ולא נברא.
אַזש אַזוי ווייט!
אָבער קיינעם האָט ניט אינטערעסירט צו וויסן,
וואָס איז געוואָרן פון איוב'ן ווען ער איז שוין געוואָרן אויסגעהיילט,
און אָט דאָס בין איך אַרויפגעקומען צו דערציילן,
איר זאָלט מיינע אינערלעכע וואונדן היילן,
איך האָב דאָך אויף אייך אויסגעקוקט שוין ניט פון היינט",
און איוב האָט זיך צעוויינט.

האָט ס'איזעלע צונג, ווי אַ ראַזיר־מעסער מיט איין גלעט
אָפּגעלעקט איובס פּנים,
ניט איבערגעלאָזט פון אַ טרער קיין סימן־סמנים,
און איוב האָט ווייטער גערעדט:

„ווען עס האָט זיך מיר אויסגעהיילט מיינע קרעץ און געשווירן,
און ווייטער זיך געקויפט גיטער און לאַנד פון עוץ,
בין איך ווייטער געוואָרן איינער פון די גרעסטע גבירים אדירים,
מיט זין און טעכטער, פון יעדן מין אַ טוץ,
פיה און רינדער האָבן זיך געמערט ווי פליגן,
דאָס וועלבע מיט קעמלען, אייזלען און ציגן,
מיינע זין אַלע קלוגע כיטרע יונגען, אַ חוץ,
די שענסטע טעכטער אין לאַנד פון עוץ,
אַלע זיינען מיך מקנא נאָך מער ווי פריער,
עס קומט צו אַ שניר נאָך אַ שניר,
אַן איידעם נאָך אַן איידעם,
אַ חברה ווי די שדים!
און מיט אייניקלעך און אור־אייניקלעך,
וויגען זיך די שטיבן,
וואָס האָט מיר דען געפעלט?
איך האָב מיר זומער און ווינטער שלעסער,
און פלי מיר אַהין און צוריק ווי אַ פריי פייגעלע,
יעדער יבשה — אַ האָניג טייגעלע,
אַלע טייכן — ווײַן פעסער,
נאָר ווי איבערנאַכט, איז די לאַנדווירטשאַפט,
ווי אין דער ערד אַריין, ניט היינט געדאַכט,
האָב איך מיין האָב און גוטס אויספאַרקויפט,
און זיך אין דער מאָדערנער אינדוסטרי איינגעשרויפט.



איינס, צוויי, דריי,
געעפנט אַ פאַבריק נאָך אַ פאַבריק פון קאָרסעטערײַ,
אַריינגעזעצט טויזנטער מאַשינען,
און מענטשן צענער־טויזנטער זיי זאָלן מיר פאַרדינען,
און גלויבט מיר משיח־לעבן (ניט נויטיק צו שווערן) אַז מ'קען פון זיי שנעלער
ווי פון קעמלען און אייזלען רייך ווערן!
אין דער ערשטער צייט האָבן זיך די פאַבריקן געשפּאָלטן פון זייערע געשרייען
ווייען און נאָבווייען,
אָבער מיט דער צייט ווערט אַלץ שטיל ווי אַ מויז,
נישקשה, טרערן טריקנען זיך אויס,
פאַרקערט די אַרבעטער שטאָלצירן נאָך דאָמיט,
ווי אַריסטאָקראַטן מיט יחוס־בלוט,
קלאַפּן זיך אין די קאָרסעטן מיט פאַרביילטע הענט,
„מיר קאָרסעטן אַרבעטער! מיר זיינען דער פּראָדוקטיווער עלעמענט"!
און מיך דעם געוועזענעם איש־אלקים פון ספר איוב.
רופן שוין אַלע מאַגאַזינען און גאַזעטן:
„איוב דער קעניג פון קאָרסעטן"!
און מיין נשמה לעשט זיך אויס פון שעה צו שעה".

און אַזוי ווי עס קלינגט נאָך ס'בת־קול פון „שעה צו שעה",
קומט אַרויף אויפן באַרג דער אויפזעער פון איובס אַ פאַבריק,
און אין האַנט האַלט ער אַ נאַגייקע, און אין דער אַנדערער — אַ שטריק,
בוקט זיך און רעדט:
„אדון איוב! איך דער וועדטלאָזער אויפזעער
פון האַרס גרעסטער קאָרסעטן פאַבריק,
קום מיט אַ שלעכטער בשורה, אוי אַן אומגליק".
מאַכט איוב:
— אַהאַ! ס'שפּיל הייבט זיך שוין ווייטער אָן!
נו רעדט שטן! רעדט שטן"!

האָט זיך דער אויפזעער ווידער געבוקט און מיט ביטערקייט גערעדט:
„איך בין ניט שטן,
אַ לעגענדע דאָרטן!
איך בין ניט שטן!
צען יאָר האָב איך פאַר האַר איוב געבערנט און געבראָטן,
איינגעשפּאַנט זיך אין קעניג פון קאָרסעטן'ס לייצעס,
און צעבראָכן אייזערנע נאַגייקעס,
אויף פרויענס און אויף קינדערס נאַקעטע פלייצעס,
ניין איך בין ניט שטן אַ לעגענדע דאָרטן!
אַן אויסגעטראַכטע ליגנד!....

האָט זיך איוב רציחהדיק צעשריגן:
שווייג, דו לינקער פריידענקער!
דו גלויבסט שוין אפילו אין שטן אויך ניט,
דיך דאַרף מען איבערגעבן צו אַ הענקער,
דערשטיקן אין דיר דיין טריפה בלוט
נו רעדט שוין רעדט! וואָס איז? וואָס איז דיין בקשה?
רעדט! נאָר ניט קיין לאַנגע דרשה!

דער אויפזועער האָט זיך ווידער געבוקט:
„אַלע הענט האָבן רעוואָלטירט,
זיי שרייען „איוב האָט אונז פאַרפירט,
און זיך האָט ער אויפן יושר־באַרג באַהאַלטן,
אָדער אפשר טרינקט ער זיך אין קיהלען וויין,
פון אַ ווייַנקעלער אַ קאַלטן“,
זיי שרייען, זיי ווילן שוין,
האַר איוב זאָל פאַרקירצן שעהן און העכערן לוין,
אויב ניט וועלן זיי אַלע פאַבריקן אונטערצינדן,
און מיך אַ לעבעדיקן ווי אַ נבלה שינדן.

האָט איוב געקריצט מיט די ציין:
„האָסט מורא! ציטערסט פאַר דיין קרעציג געביין,
שוין לויף צוריק און בינד די בונטעווטשיקס אין קייטן,
און זשאַלעווע ניט די נאַגייקע! שנייד זייטן!
געדענק מיין מאָטאָ:
„מיטן שרעק,
לערן דרך ארץ!
ניט בעט!
נאָר טרעט!
פאַרשטאַנען?
נו, געגאַנגען!“

האָט דער אויפזועער הכנעה׳דיק געקרעכצט „אוי וויי!
איך גיי מעכטיקער האַר, איך גיי“.
האָט משיח צו אים געזאָגט „שטיי!
אַהער דעם אויגן בליק,
די נאַגייקע און שטריק“!
און משיח האָט צעבראָכן די נאַגייקע,
און צעפליגט די שטריק,
און געזאָגט צום אויפזועער!
„איצט גיי! נאָר דאָס געדענק:



אויב דו וועסט אויפהייבן געגן אַ מענטש דיינע הענט
וועט דיין נשמה פון דער זון פון יושר ווערן פאַרברענט“.
דער אויפזועער איז צוריק צו דער קאַרסעטן שטאָט,
און איוב איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ,
און משיח האָט צו אים אַזוי גערעדט:
„ענטפער מיר! ווי אַזוי האָסטו געקאָנט זינקען צו אַזעלכע
זלוולים׳דיקע רייד?
אַז אַן איוב זאָל זיך אַזוי דערנידעריקן,
דאָס מוז מען דאָך זוכן וווייט“.

„האָט איוב געענטפערט און געזאָגט:
אויף מיינע פלינקע פליגלען
וואָס זיינען אַמאָל געפלויגן,
ווי די ערד מיט די הימלישע בלאָע זיגלען,
ליגט און שטיקט מענטשנס טרויער
ווי אַ שווערער בלייערנער מויער,
אין לאַנד פון עוץ איז געווען אַ שפּריכוואָרט,
אַ באַרג אויפן קאַרק,
איז ניט אַזוי שווער,
ווי יענעמס אַ טרער“.

„ווען איך האָב זיך אַלע פיר־און־צוואַנציק שעהן,
געוואַלגערט אין זייער מיליאַרדן רגעס און אַש דעם גראָען,
געלעגן אין געהאַקטע וואונדן,
יעדער אבר מיט מכות אָנגעצונדן,
האָט דער שטילסטער זיפץ פון הארץ פון דער וועלט,
דערגרייכט צו יעדן ציל פון מיין געצעלט,
עס האָבן זיך פאַר מיר אנטפלעקט
די סודות פון אונטער די בעטן פון די ימים,
אפילו גאָטס קול האָב איך נאָנט געהערט
די וווייטע וואַנד פון שטילקייט צווישן האָט מיר ניט געשטערט,
טאָג איין טאָג אויס האָב איך זיך
מיט די גרעסטע חכמים פון מזרח, באַגעגענט און געזעגנט,
מיט זיי וואָס פאַרשטייען יעדן רמז פון די זוניקע אויגן,
און וואָס האָבן אַזויפיל וויסן פון מענטשנס גורל,
פון די שטערן געזויגן,
מיט זיי האָב איך זיך דאָך געקאָנט מתווכח זיין גלייך אויף גלייך,
אין שירה האָט געפלאָסן פון מיינע ליפן,
ווי פון די ברעגן פון אַ לעבעדיקן טייך,
אָבער זייט איך בין ווייטער אקסענשטאַרק און שטיינרייך,

איז מײַן נשמה װי אַ פֿאַרסמאַליעטער פּאַקל.
עס איז מיר פֿינסטער, איך קען ניט אונטערשײדן צװישן אָרט און אָרט.
װאָרט און װאָרט
מקדמונים אײדער שטן האָט איבערגערעדט גאָט.

אַ דיק פֿינסטערניש איז אַרום מיר אױסגעגאָסן,
אַלע טויערן, אױפֿגעפּראַלטע, האָט דער חושך פֿאַר מיר פֿאַרשלאָסן".

װען איך האָב אַזױ געליטן,
בין איך צװישן אַלע דורות געשטאַנען,
װי אַ לעבעדיקער עדות אין מיטן,
איך האָב זיך צו געהערט צו זײער װײ־געשרײ,
און זײ צו מײַן אַך און װײ.
אָבער איצט שטאַרבן מײַנע װערטער אױף מײַנע ליפּן, ממש פֿון קרירה,
אין אױערן פֿון מענטשן קומען זײ צו קבורה,
צו זײערע נשמות לעבעדיקע קומען זײ קײן מאָל נישט,
װי אָפּגעװישט!

פּלוצלונג באַטראַכט איוב ס'אײזעלע און קלאַפּט זיך אין שטערן:
„ביסטו ניט ס'אײזעלע װאָס האָסט פֿאַר מיר אין לאַנד פֿון עוץ געקנעכט?
— „יאָ", ענטפֿערט ס'אײזעלע, „האָסט רעכט"!
איך האָב פֿאַר דיר
און פֿאַר דײַנע זין, טעכטער, אײדעמ'ס און שניר,
אַלערלײ פּאַלאַצן געבױט,
און געלעבט אין הונגער און אין נױט,
האָסט מיר קײנמאָל געגעבן עסן צו זאַט,
איך װאָלט מײַן אײגן פֿלײש געגעסן,
װען איך װאָלט עס נאָר געהאַט,
און װען איך בין אין הימל אַרײַנגעקומען,
האָט זײַן ליבער נאָמען,
מיך שטאַרק געשװינט
און מיט דער שענסטער דינסט באַלױנט.
איך זאָל העלפֿן דעם גואל — לעבנס שװערן עול טראָגן,
ער זאָל האָבן צײַט די װעלט אױסצולײזן,
און כּוח גרױסע תּורה צוזאָגן".
װען איוב האָט דאָס דערהערט,
איז ער געפֿאַלן מיט די קניען אױף דער ערד,
זיך געבעטן מחילה בײַם אײזעלע,
און זיך צו טרערט.

(המשך קומט)



משה דלוזשנאָװסקי (ניו־יאָרק)

## דרײַ זעלנערשע ברױטלעך

(דערצײלונג)

שױן דרײַ טעג װי מיר זענען געגאַנגען אָן אױפֿהער און אָן אָפּרו, געיאָגט פֿון אַ װילדן פּאַניק און שרעק. מיר זענען געװען אױסגעמישט מיט טױזנטער מענטשן פֿרעמדע אײנער דעם אַנדערן, צעשראָקענע, פֿאַרמאַטערטע, לױפּדיקע איבער די װעגן פֿון פֿראַנקרײַך צו געפֿינען אַ שטיקל שוץ און זײַן װאָס װײַטער פֿון די דײַטשן.

עס איז געװען דער פֿאַרנאַכט פֿון חודש יוני 1940. אַ גאַנצן טאָג האָט די זון געברענט, אױסגעמאַטערט די צונױפֿגעלאָפֿענע, פֿלײצנדיקע מענטשן־כװאַליע און באַשטראַלט דעם רױך און די פֿלאַמען, װאָס האָבן אין פֿלאַקערנדיקע רױטלעך שװאַרצע צונגען זיך געריסן צו די הימלען פֿון די ברענענדיקע שטעט, װאָס די דײַטשן האָבן מיט זײערע צינד־באָמבעס אונטערגעצונדען.

פֿון די קלײנע שטעטלעך און דערפֿער אַרום דעם ברײטן, זינגעװדיקן טײַך „לואר" זײַנען די פּױערים געלאָפֿן אין װיסטער בהלה אײנאײנעם מיט זײערע פֿערד, װעגענער און פֿיה, פֿון זײערע מײַלער האָט זיך געטראָגן דער אומעטיק מאָנאָטאָנער געברום, װי פֿון גלאָקן־קלאַנגען אױף אײנזאַמע װעגן:

— לעז אַל־מ־אַן, לעז אַל־מאַן! לע באַ־ש, לע ב־אָש!

דאָס הײסט: דײַטשן, דײַטשן, פּאַסקודנע דײַטשן!

צװישן װײץ־פֿעלדער און גרין סאַמעטענע לאָנקעס, האָבן פֿרײלעך געװאונקען די װײַסע קאָנטורן פֿון אַן אַלטן פֿראַנצױזישן שלאָס, מיט זײַנע רונדע שפּיציקע טורמלעך און געשניצטע קופּאָלן, מיט אַ הענג־בריקל פֿאַרװאָרפֿן. די הױכע טורמלעך האָבן הײמיש, זומערדיק זיך געטונקען אין די לעצטע שטראַלן פֿון דער פּורפּור פֿלאַמיקער זון, און אונז לױפֿנדיקע אָנגעזאָגט גרוסן פֿון אַ פֿרידלעך, שטיל ראָמאַנטישער װעלט, װאָס ליגט אָט אָ דאָ מיט דער האַנט צו דערלאַנגען און װעט אױך באַלד אַװעק אין רױך און פֿלאַמען.

איך בין געגאַנגען מיט צװײ פֿרײַנט פֿון פּאַריז. מיר זענען געװען באַגאָסן און באַשמירט מיט שװײס און שטױב. מיר האָבן פֿיבערדיק געזוכט אַ שטיקל אָרט װוּ אָפּצורוען און מורא געהאַט זיך אַװעקצוזעצן, כּדי ניט צו פֿאַרשפּעטיקן אַ מינוט, כּדי צו זײַן װאָס װײַטער פֿון די דײַטשן. דער הונגער האָט אונז געפּײניקט ביז משוגעת און די מידקײט האָט געפֿרעסן די בײנער פֿון דעם קערפּער.

לײב קאַרפּ, אַן אײַנגעװאָנדערטער ייִד פֿון פּאַריז מיט אַ גוטמוטיק פּנים פֿון פֿרײלעכן געמיט האָט זיך געװיצלט:

— עס לוינט זיך ניט צו פגר׳ן אין מיטן וועג צוליב אַ שטיקל ברויט. מען טאָר ניט ווייזן היטלערן, אַז יידן קענען אויך שטאַרבן פון הונגער.

— האָסט אַן עצה? — האָט קרום געשמייכלט יוסף פיין, אַ יידישער מאלער פון פאַריז מיט אַ פאַרביטערטער שטימונג און אויסגעמאַטערטן פנים — לאָמיך זען און רייס אָפּ בולקעס פון די ביימער, אָדער צאַפּ ווייַן פון אַ שטיין.

אַ פראַנצויז מיט אַ בלויען בערעט אויפן קאָפּ, באַנהאַנגען מיט וואַליזעס און פעקלעך, ווי אַ גייענדיקער קליינער באַזאַר, האָט געשטופּט אַ קינדער־וועגעלע מיט אַ פּיצל קינד און ביי דער זייט זיין ווייב. ער האָט פאַרבייגייענדיק אַרייַנגעוואָרפן ווערטער:

— די דייטשן זיינען שוין אין הינטן. מען פילט שוין דעם געשטאַנק פון זויער־קרויט!

אַ מיידל מיט אַ רויט צעיאָכמערט פנים פון שלעפּן אַ שווערע וואַליזע, האָט זיך אַוועקגעזעצט אין וועג־גרובען. זי האָט פשוט נישט געהאַט קיין כוחות ווייטער צו גיין. איך האָב איר געהאָלפן זיך באַפרייען פון דעם שווערן פּאַק אומנוציקע זאַכן און איר געפרעגט:

— וואָס לויפסטו אַזוי פון פאַריז? וואָס האָסטו מורא?

זי האָט אַנגעשטעלט אויף מיר אַ תמימותדיקן בליק פון צוויי גרויסע בלוילעכע אויגן:

— די דייטשן פאַרשלעפּן דאָך מיידלעך אויפן פראָנט. מען זאָגט אַז ווי פרעסן מענטשן אויך!

מיר האָבן איר געהאָלפן. אויסגערעדט איר, אַז זי זאָל ניט מורא האָבן און לייב קאַרפּ האָט ווייטער גערעדט וועגן דער אכילה:

— מען וואָלט כאָטש עפּעס קריגן געקויפט. אַז אַ מיליאָן מענטשן האָבן שוין פאַרביימאַרשירט דעם וועג און אַלץ אָפּגערוימט און אויפגעפרעסן.

— ווי פּרעה׳ס הישעריקן.

— מען האָט היינט אינדערפרי נאָך געקענט קריגן געקויפט אויפן וועג, אַ בינטל מערען און אַ ביסל רויע בוראַקעס. איך וואָלט עס איצטער גערן געגעסן.

— אַ קלייניקייט, דריי טעג לויפט מען אָן אָפּרו און מיט ליידיקע מאָגענס. עס איז פאַלג מיך אַ גאַנג!

— נו גייט זיך טאַקע לייכטער. מיר זיינען שוין באַלד ביי דער שטאָט סור.

דער טאָג האָט געהאַלטן ביים לעשן זיך. ערגעץ אויפן הימל האָבן געציטערט די ערשטע שטערן. פונדערווייטנס האָט זיך געטראָגן דער בייזער זשומענדיקער גערויש פון די דייטשע עראָפּלאַנען און געזוכט אויפצורייסן די בריקן איבערן טייך „לואר“ און פאַרניכטן די שטעט און שטעטלעך ארום. באַלד וועט אָנקומען אַ שוידערלעכע נאַכט פול מיט טויט געפאַרן, מיט לויפעניש און בהלה.



מיר האָבן זיך געפונען נעבן דער באַרימטער היסטאָרישער שטאָט סור, די שטאָט פון באַלזאַק און אַנדערע באַרימטקייטן. פונדערווייטנס האָבן זיך געצויגן צו די הימלען פייער־צונגען מיט שוואַרצן רויך. דער סאַזשעדיקער שוואַרץ רויך האָט זיך געקנוילט אינם ליכטיקן פייער רויט, ווי וועלנדיק דערשטיקן די דאָזיקע ליכטיקייט, וואָס רייסט זיך מיט ברויזנדיקער קראַפט צו די בלויע קלאָרע נאַכט־הימל.

מיר זיינען שוין איצטער געווען אַ גרופּע פון עטלעכע מענטשן, פרעמדע איינער דעם אַנדערן. נאָר דער ביטערער עלנט און די פּאַניק, האָט אונז צונויפגעבראַכט און איינער ביים אַנדערן האָט געזוכט זיך צו צוטוליען און געפינען אַ טרייסט־וואָרט, אַ שמייכל, אַ וואַרעמען בליק.

און גיין ווייטער איז אַפילו טראַכטן ניט געווען מעגלעך. די כוחות האָבן זיך פשוט אויסגעלאָזן. די מידקייט האָט געפרעסן די אָנגעשוואָלענע פיס און די כוחות האָבן פאַנטאַזירט ווי אַזוי צו שטילן דעם הונגער. האָבן מיר זיך אַלע אויסגעצויגן אויפן אָפענעם פעלד. וואו די פויערים האָבן אין די לעצטע טעג נאָך באַוויזן אָפּצושניידן דעם שמעקעדיקן היי. שלאָפן האָט מען ניט געקענט, ווייל די ערד האָט כסדר געציטערט פון אויפרייסנדיקע באָמבעס, וואָס די דייטשן האָבן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער רעגולערע פּינקטלעכקייט מכבד געווען דער שטאָט — סור.

דער מח איז געווען אָפּגעטעמפּט און ניט געקאָנט פאַרנעמען קיין שום געדאַנק. אַ געוואַלטיקע אַפּאַטיע האָט מיך באַהערשט, אַן אַפּאַטיע און גלייכגילטיקייט, וואָס ווערט זער געפערלעך אין זעלכע מאָמענטן. אָבער אין דער דאָזיקער טעמפּקייט, האָט ווי מיט אַ שאַרף פון אַ מעסער זיך געשניטן דער הונגער אין אַלע גרויליקע פאָרמען, און אַרויסגערופן אַזעלכע הונגער קאַשמאַרן און האַלוצינאַציעס, וואָס האָבן געמאַכט אַ ביסל פאַרגעסן די לויערנדיקע געפאַרן פון אַרום און אַרום...

די שטימונג פון די עטלעכע מענטשן איז געווען אַ פאַרביטערטע, אַ פאַרצווייפלטע. מען איז געלעגן אין דריקענדיקן שווייגן. בלויז לייב קאַרפּ האָט מיט אַ גוטמוטיקן אויפהייטערנדיקן טאָן אַרייַנגעוואָרפן רייד און פאַר אַלעמען געמאָלט אַ בילד פון אילוזיע און פאַנטאַזיע: וואָס אַ שטייגער וואָלט מען איצטער געקענט עסן ביי דער באַלויכטונג פון אַ ברענענדיקער שטאָט, וואָס פאַר אַ סעודה וואָלט מען געקענט פראַוון אויף דער טרייסלענדיקער נאַקעטער ערד:

— מען וואָלט געקענט בראָטן אַ פעטן אינדיק אויף די קוילן פון די פאַרברענטע הייזער, וואָס טליען זיך איצטער אין אייגענעם אַש און קויל. מען וואָלט געקענט מאַכן דעם אמת׳ן סאַלאַט פון דעם אויל פון די עראָפּלאַנען, וואָס באָמבאַרדירן כסדר. ביר וואָלט מען אויסגעצאַפּט פון די אָנגעפרעסענע דייטש בייכער. די איינציקע זאָרג איז נאָר, וואָס עס איז ניטאָ ווו צו סערווירן קיין זופּ, אַז די ערד טרייסלט זיך ווי אין קדחת.

מען האָט געלאַכט פון קאַרפּ׳ס רייכער וויציקער פאַנטאַזיע, אַביסל זיך

אויפגעמונטערט און ווי עס איז אַליין איינגעשטילט דאָס געמיט.

ווען עס האָט גענומען גרויען אויף טאָג האָבן מיר זיך אַביסל אויסגעטשוכעט פון די פאָר שעה אָפרו און זיך געגרייט ווייטער לויפן אויפנעמען דעם ניי געבוירענעם טאָג. אָבער אין דער זעלבער קורצער ווילע, האָט אַ מוראדיקע באָמבאַרדירונג אויפגעטרייסלט די ערד. אין דער פרימאָרגן גרויקייט האָבן זיך אויפן הימל באַוויזן שוואַרצע פלעקן, ווי שטורם־פויגל וואָלטן זיך געטראָגן מיט שנעלקייט און גערויש. באַלד האָבן מיר דייטלעך געהערט דאָס רוגזה׳דיקע זשומען פון די פראָפעלערס און שטיקער פייער האָבן געבלענדעט אונזערע אויגן און אויפגעריסן די לופט אַרום אונז און מיט אונז.

אין דער זעלבער מינוט האָט אויסגעבראָכן אַ ווילדע געטומלעניש אין אונזער קליינער גרופע. אַלע האָבן גענומען לויפן אין פאַרשידענע זייטן, ווי אויפגעריסן פון שטיקער פייער אין אייגענעם לייב. איך בין געלאָפן אָן אָן אָטעם אין אַ ריכטונג פון פעלדער און צוואָרפענע בוימער. ניט געווען מער קיין הונגער, שרעק, מידקייט און אינסטינקטיווער אימפעט האָט געיאָגט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן קראַפט.

איך האָב ניט געוווסט ווי לאַנג איך בין געלאָפן; די זון איז שוין פון לאַנג אַרויס איבער דער וועלט און מיט אירע גילדענע שטראַלעכלעך זיך געשפיגלט אין די פולע טוי־טראָפנס, וואָס האָבן געפינקלט מיט גאַנצע וועלטן ליכט און שימערירנדיקע פאַרבן.

איך האָב זיך געפונען אין אַ דאָרף. אין אַ טויט שטיל אויסגעשטאָרבן פראַנצויזיש דאָרף. טירן און פענסטער פאַרהאַקט, מען האָט ניט געזען קיין לעבעדיקן מענטשן, נאָר פון די שטאַלן האָט זיך געטראָגן אַ פאַרבענקט מעקן פון אַן עלנדע בהמה, וואָס דער באַלעבאָס האָט ניט באַוויזן אַרויסצופירן אין פעלד אַריין.

אַ שווידערלעכער עלנט האָט מיך אַרומגענומען אין דעם אָפגעשטאָרבענעם דאָרף, דער גאַנצער פיין פון די לעצטע עטלעכע טעג, זינט איך בין געלאָפן פון פאַריז, כדי זיך ראַטעווען פון די נאַציס, האָט מיך איצטער געדריקט מיט אַן אימהדיקן אומרו. פלוצלינג האָב איך דערבליקט אויף דער הוילער ערד נעבן אַ פאַרלאָזן הויז, ווי עס איז געלעגן אויסגעצויגן אַ פראַנצויזישער זעלנער. ער האָט געכראָפעט אויף אַ קול, זיינע נאָזלעכער און ליפן האָבן זיך באַוואויגן מיט אַ ריטמישן בלאָזן. ער איז געלעגן אין אַ צעכראַסטעטער פאָזע און זיינע זעלנער־מכשירים זענען געלעגן צעוואָרפן אַרום אים: אַ ביקס, אַן אויסגעליידיקטן פלאַש פון רויטן וויין, ווו אינם אָפענעם העלזל האָבן געראַיעט מחנות פליגעלעך, וואָס האָבן מיט הנאה זיך געלאַרעט אין דער זיסלעכער קלעפיקער פליסיקייט. און פון אַ זעלנערישער טאָרבע האָט אַרויסגעקוקט ברויט. איך האָב זיך אַ וואָרף געטון אויפן ברויט, געעפנט ברייטער די טאָרבע און דערזען אַן אמת׳ן אוצר: דריי זעלנערישע ברוינלעכע ברויטלעך. די ברויטלעך זיינען געווען פייכטלעך האַרט פון דעם ביינאַכט־טוי, וואָס האָט זיי געפייכטיקט און פון דער זון, וואָס האָט זיי איצטער געטריקנט. אַרויס־



שלעפנדיק די דריי ברויטלעך בין איך געבליבן שטיין אַ דערציטערטער. עס האָט מיך פאַרקוועטשט מיט ווייטיק און רחמנות פאַר דעם וווּנדערלעכן, טיף מענטשלעכן בילד, וואָס האָט זיך פאַר מיר אַזוי אומגעריכט אַנטפלעקט: אַ שלאָפנדיקער, מידער שכורער זעלנער, ביי זיין זייט ברויט, וויין און אַ ביקס און אַרום אים אַ טויטע שטילקייט, ווי אַלץ וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן. בלויז פון דער הימל־וויטקייט טראָגט זיך דאָס בייזע זשומען פון די דייטשע באָמבאַרדירערס, וואָס זייען טויט און פאַרניכטונג איבער דער אומשולדיקער, ציווילער באַפעלקערונג.

איך האָב אַרויסגעכאַפט אַ ברויטל. גענומען רייסן שטיקער און געגעסן. עס איז געווען האַרטלעך פייכט אָבער געהאַט טויזנטער טעמים. ביי דעם דאָרפישן ברונעם אויפן הויף איז געשטאַנען אַ פולער עמער וואַסער. איך האָב צוגעבויגן דעם קאָפ און געטרונקען. נאָכן פאַרענדיקן עסן דאָס זעלנערישע ברויטל בין איך צו צום שלאָפנדיקן זעלנער. געוואָלט נעמען פון דער טאָרבע אַרויס נאָך איין ברויטל און ווייטער לויפן. איבערלאָזן אַ שטומען דאַנק מיין רעטער, דעם אומבאַקאַנטן מידן, שיכורן זעלנער.

אָבער דאָ האָט זיך דער זעלנער אויפגעכאַפט, אַרומגעקוקט זיך מיט פאַרשלאָפענע, רויטלעך פאַרנעפלטע אויגן. גלייך ער וואָלט די וועלט געזען צום ערשטן מאָל. עטלעכע רגע׳ס האָט ער געקוקט אויף מיר, געזען אין מיין האַנט זיינס אַ ברויטל און אַ קלאָרקייט איז אים אַריין אין קאָפ. ער האָט כהרף עין אַ כאַפ געטון די ביקס, שנעל זיך אויפגעשטעלט, אויסגעשטרעקט די שטאָלענע לופע מיר אין פנים אַריין און שוין געווען גרייט צו שיסן.

איך האָב קוים באַוויזן אויסצושרייען אין פראַנצויזיש:

— וואָרט! וואָס טוסטו?

ער האָט אַ רגע געוואָרט און איך האָב באַוויזן ווייטער צו רעדן אין איין אָטעם:

— איך בין ניט דיין שונא. איך בין דיין פריינט. בין דאָ אַדורכגעגאַנגען, געווען הונגעריק, געזען ביי דיר ברויט האָב איך געגעסן.

איך האָב גערעדט שנעל און האַסטיק, כדי ניט צו פאַרלירן אַ טויזנטסטעל פון אַ רגע, וואָס קען זיין פאַר מיר צו שפעט; איך קען פאַרלירן מיין לעבן צוליב אַ שטיקל ברויט. דער זעלנער האָט אַוועקגענומען פון מיין פנים די לופע פון דער ביקס און געפרעגט מיט חשד:

— ווי קומסטו אַהער?

איך האָב אים דערציילט מיין גאַנצע אַדיסיע, פון פאַריז ביז דאָ אינם דאָרף, ווו איך האָב אים געפונען ליגן אַ שלאָפנדיקן. נאָך אַ קליינעם ישוב הדעת מיט זיך אַליין האָט דער זעלנער ווידער געפרעגט:

— ווער קען מיר פאַרזיכערן, אַז ביסט ניט אַ דייטשער פאַראַשוטיסט, אַ שפיאָן, אַ פינפט־קאָלומניק?

— זע איך אויס ווי אַ זעלנער?

— מען פאַרשטעלט זיך, אַזוי ווי די דייטשן טון ביי אונז אין לאַנד.

— אָבער פאַרשטיי — האָב איך געפּרוּווט אָנווענדן צו אים מיין גאַנצע לאָגיק — די דייטשן זיינען שוין באַענט הינטער אונז. אפשר זיינען זיי שוין אין דער שטאָט סור, ווי שטעלסטו זיך פאָר, וועט אַ דייטשער פּאַראַשוטיסט זיך אַראָפּלאָזן אַ טריט פון דער שטאָט. צו וואָס? און ווען איך וואָלט באמת געווען אַ דייטשער פּאַראַשוטיסט, וואָלט איך דאָס ערשטע גענומען דיין ביקס, ניט דיין ברויט.

דער זעלנער האָט איינגעזען אין מיינע רייד, אַז עפּעס האָט ער דאָ ניט צו טון מיט אַ דייטש און ניט מיט זיינס אַ שונא. דאָך האָט ער ניט געקענט באַשליסן מיך פריי צו לאָזן, ער האָט געזאָגט:

— איך וועל דיך פירן צו דער פּאָליציי אין דער שטאָט סור.

איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט און געטראַכט אדרבא, ואדרבא, זאָל ער פירן. ערשטנס האָב איך אַלע פּאַפּירן מיט מיר אַז איך בין אַ כשר׳ער בירגער; צווייטנס, ווי אַזוי וועלן מיר זיך צושלאָגן צו אַ שטאָט, אַז אַלץ אַרום שטייט אין פלאַמען? ווייזט אויס, עס איז ניט אַנדערש ווי נאָר אַז דער זעלנער אַליין האָט געמוזט פאַרבלאָנדזשען מיט אַ פּאָר טעג צוריק פון פראָנט, געשיכורט און געשלאָפן און ער ווייסט ניט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

ער האָט אויף זיך געבראַכט אין אָרדנונג די פּאָר מכשירים, איינגעפּאַקט די צוויי ברויטלעך, אָנגעשטעלט די ביקס מיר פון הינטן און מיליטעריש באַפוילן:

— גיי!

מיר זענען געגאַנגען דורך פעלדער, צווישן ביימער און זענען אַריין אין אַ שיטער וועלדל. מיר האָבן געזען פונדערווייטנס ברענענדיקע הייזער און געהערט דאָס זשומען פון עראָפּלאַנען איבער אונזערע קעפּ. קיין לעבעדיקן נפש האָבן מיר ניט אָנגעטראָפן.

ד׳ער זעלנער האָט פּלוצלינג אַ כאַפּ געטון די ביקס, אויפגעהאַנגען אויף די פּלייצעס און זיך אָפּשטעלנדיק האָט ער געזאָגט:

— ווייזט אויס אַז איך בין פאַרשלאָפן, אַביסל אָנגעטרונקען זיך, פאַרלוירן מיין רעגימענט און דער דרעקיגער דייטש איז שוין דאָ, קריכט שוין אינם האַרץ פון פראַנקרייך — ער האָט ביי די ווערטער אַרויסגענומען אַ ברויטל פון דער טאָרבע און ווייטער גערעדט: — איך זע ביסט אַן אייגענער, וועסט קיינעם ניט דערציילן, מיר איז שוין נמאס די גאַנצע מלחמה, מיט דער ביקס, מיטן שלאָגן זיך. פראַנקרייך האָט סיי ווי סיי פאַרלוירן די מלחמה. וואָס דאַרף איך זיך אַרומוואַלגערן? איך האָב אין דער היים, אין דער נאָרמאַנדיע־געגנט, אַ ווייב, אַ שיין געזונט ווייב מיט אַ קינד, קוק! — האָט ער אויסגעשריגען און פון דער הויזן־קעשענע אַרויסגעכאַפּט אַן אָפּגעריבענעם פּאָרטפעל און פון פּאָרטפעל אַרויסגענומען אַ פאָטאָגראַפיע; — אָט איז מיין ווייב און מיין קינד!

איך האָב געזען אַ יונגע בליענדיקע פרוי, מיט אַ שמייכלענדיק פּנים און



אַ פּיצל קינד אויפן אָרעם. דער זעלנער האָט ווייטער גערעדט:

— איך וועל דאָ אַוועקוואַרפן די ביקס און פון דאַנען פרוּוון אָנקומען אַהיים. און דו? יאָ, מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט געזען, פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען!

ער האָט אַראָפּגעכאַפּט די ביקס פון פּלייצע, אַ שליידער געטון צווישן די וואַלד־ביימער, אויפגעעפנט זיין פעלד־פלאַש, מיר געגעבן איך זאָל אַ זופּ טאָן אַביסל רויטן ווין. איך האָב אַ שלונג געטון, ער — נאָך מיר, ווי צוויי אַלטע פריינט. נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען אַ ברויטל פון דער טאָרבע און מיר דערלאַנגט, געדריקט מיר די האַנט און געזאָגט אַוועקגייענדיק:

— אָרעוואָאַר!

איך האָב שטאַרק געדריקט זיין האַנט, מיט אַ טרערן שטיקנדיקע געריִרטקייט און געשעפּטשעט: אַ דאַנק, אַ דאַנק! און בין מיטן ברויטל אין האַנט אַוועק ווייטער אויפן וועג צו די שפּאַנישע גרעניצן...

## לייזער אייכענראַנד

### דער מענטש

איך בין די איינזאַמקייט פון שטעט,
די ליבע, דער ווין און ברויט;
דאָס נישט דערזאָגטע געבעט,
פון לעבן און פון טויט —
דער געפרוירענער גלאַנץ פון שטערן
נאַקעט אין זייער וואַנדערן;
מיין געלעכטער קען מען הערן
אין געוויין פון אַן אַנדערן.

איך בין די פאַרלוירענע שלאַכטן און זיגן,
די נאַכט אַרום דער ערד —
די בראשית לעגענדעס, דער ניגון,
דער טראָפּן בלוט אויף דער שווערט.
איך בין דער באַגין אין מיטן
פון אַלץ וואָס פאַרגייט —
פיל אַן די וועלט מיט מינוטן,
אין אומענדלעכן — איך בין די צייט.

איך בין דער טורעם, און דער בויגן,
דער קרייז, דאָס ליכט,
די בריק צווישן אונזערע אויגן —
דער פאַרמשפּטער און דאָס געריכט;
דער אָדלער מיט די פייער פליגל —
אַן אויסגעלאָשענער פאַקעל;
פון מיין אורפאָטער דער שפּיגל
אויף דער דורותדיקער שוועל;

איך בין די וועלדער אויף דער לבנה,
דער בליק פון מיר צו דיר —
און די טונקעלע סכנה
פאַר יעדער באַלויכטענער טיר;
איך בין די זון אויף מיין שטערן,
דער שאָטן פון מיין טראָט;
און אין אייביקן פאַרגיין און ווערן
דער אָטעם פון גאָט!

## מארקס קאהען

# דער לאנדאנער בעל מפטיר

## אדער אפגענארט א טאטן שבת פאר ראש-השנה

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 1912 אייניקע וואָכן פאַר ראש השנה, אַ יאָר פאַר דעם ערשטן וועלט קריג.

דערהאַלטנדיק אַ בריוו פון מיין פאָטער, אַז ער קומט צופאָרן אין לאָנדאָן זען, ווי אַזוי עס לעבט זיך דאָ זיין „טרעטשאַק", — אַזוי האָט מען מיך גערופן זייענדיק דער דריטער פון מיינע ברידער —האָב איך, הערנדיק פון אַזאַ טייערן און ליבן גאַסט, אָנגעהויבן טראַכטן מיט וואָס און ווי אַזוי איך קען אים צופרידן שטעלן.

מיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ היימישער פרומער ייד, נישט קיין פאַנאַטיקער און אויך נישט קיין גרויסער לערנער, האָט אָפּגעהיט אַלע דינים פון יידישקייט; די באָרד חלילה קיינמאָל נישט געשאָרן. זער אָפט געזאָגט אַ קאַפּיטל תהלים, און יעדן שבת מעביר געווען די סדרה, זומער פּרק, ווינטער — ברכי נפשי. פון דאַווענען דריי מאָל אין טאָג איז שוין אָפּגערעדט. זער זעלטן זיך געזעצט צום טיש אָן אַן אורח און קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט אַ נדבה נאָר האָט געגעבן וויפיל ער האָט נאָר געקענט. זיין ווייב און קינדער



זיינען ביי אים געווען טייערער ווי זיין לעבן. ער האָט ליב געהאַט צו הערן און אויך געקענט דערציילן אַ גוטן וויץ, און האָט אויך נישט פיינט געהאַט אַ גוטע ביסל בראַנפן מיט אַ שטאַרקן שמעק טאַבאַק. אָבער זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז ביי אים געווען די שול.

איך האָב דאַן צו קיין שול ניט באַלאַנגט. ס'איז געווען אין דער „השכלה" צייט. נאָר וואָס טוט מען נישט צוליב כבוד אב? איך האָב אין זיך די אייגנשאַפט מקרב צו זיין עלטערע מענטשן; ווען מען צו דערציילן אַ גוטן וויץ כדי יענער זאָל לאַכן און ווען מען צו העלפן מיט אַ פאָר שילינג אויב עס איז געווען נויטיק, און ווען מען מכבד צו זיין מיט אַ טרונק בראַנפן אָדער ביר, אַבי צו מאַכן פריילעך.

לעבן מיין געשעפט איז דאָ אַ שול און אויך אַ שענק. דער גבאי פון דער שול, וועלכער איז געווען אַן עלטערער ייד, וואָס זיינע קינדער האָבן אים אויסגעהאַלטן, האָט זער ליב געהאַט אַ שנאַפּס. וואָס איך האָב אויך נישט פיינט. איז ווען איך פלעג אים נאָר דערזען — אַריינרופן אין שענק און אים מכבד זיין מיט אַ לחיים און נאַטירלעך, אויך נישט פאַרגעסן אָן זיך. און ער, זאָל מיר מוחל זיין, איז נאָך געווען אַ גרעסערער עם הארץ פון מיר.

איך מוז דאָ מודה זיין אַז אין מיין יוגנט האָב איך זער ווייניק געלערנט. פונדעסטוועגן ווען איך בין עלטער געוואָרן האָב איך זער ליב געהאַט צו הערן ווי מען לערנט. ווי זאָגט מען עפּעס אַ ווערטל: אַז מען דרייט זיך נעבן אַ פעטן טעפּל שמירט מען זיך איין!

איך האָב זיך אויסגעלערנט אַ סך העבראַאישע ווערטער און אויך געלעזן די יידישע געשיכטע פון פּראָפעסאָר גרעץ, און — איך בין געוואָרן אַ גאַנצער קענער, און איך פלעג נוצן מיין וויסנשאַפט וואו נאָר איך האָב געהאַט די געלעגנהייט, אָבער איך בין געווען זער פאָרזיכטיק כדי איך זאָל נישט אַריינפאַלן.

כאַפּנדיק אַ טרונק מיט דעם גבאי פלעג איך אויספּרובירן מיין גאַנצע קענטעניש, און ער האָט, נעבעך, ערנסט געגלויבט אַז איך קען.

דערוויסנדיק זיך פון מיין פאָטערס קומען, זאָג איך דעם גבאי אַז איך וויל ווערן אַ מעמבער אין זיין שול. ווען ער האָט עס דערהערט האָט ער זיך אַזוי דערפרייט, פונקט ווי ער וואָלט דערהערט שופר של משיח, ווען ער שעמט זיך נישט גייט ער טאַנצן.

און, ערקלער איך דעם גבאי ווייטער, אַזוי ווי מיין פאָטער קומט צופאָרן, און אַזוי ווי ער, מיין פאָטער איז אַן עלטערער ייד, און מיין שול איז זער ווייט פון דאַנען, טאָר ער זיך בשום אופן נישט דערוויסן אַז איך בין ערשט יעצט געוואָרן אַ מעמבער. און ווען איך וועל אם ירצה השם קומען מיט מיין פאָטער אין שול זאָל מען אים פיין אויפנעמען, און אויב עס וועט זיין אין אַ טאָג ווען מען לייענט זאָל מען אים געבן אַן עליה. אַזוי ווי מיר זיינען כהנים זאָל מען מיר שבת געבן מפטיר, איך וועל שוין דערפאַר גוט באַצאָלן.

זייענדיק נאָך אַלץ אין שענק זאָג איך צום גבאי, אַז אַלע אינדערפרי, נאָכן דאַוונען, זאָל ער מיט מיין פאָטער אַריינקומען אַהער און טרינקען אַ גוטן לחיים פאַר וואָס איך וועל באַצאָלן „נאָר עס זאָל הייסן — זאָג איך צום גבאי — אַז איר זייט אים מכבד, ווייל איר זייט זער צופרידן מיט זיין זון!“

בקיצור, איך לאָז תיכף ווייסן דעם שענקער, אַז ער זאָל זיי געבן די בעס־טע משקה און אַ גוטע מאָס דערצו, און, נאַטירלעך, דער גבאי מיטן שענקער האָבן באַלד צוגעשטימט.

ווען מיין פאָטער איז בשלום געקומען און איך בין מיט אים אַריין אין שול האָט מען אים אויפגענומען אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען אַ באַרימטער מגיד. אַלע האָבן אים געגעבן שלום און געוואונטשן ברוך הבא...

געקומען זיינען מיר אין שול פונקט אין אַ טאָג ווען מען האָט געלייענט. מען האָט מיין פאָטער געגעבן אַן עליה. נאָכן דאַוונען האָב איך אַרויסגעשיקט נאָך בראַנפן און פאַרבייסן און מען איז זיך משמח געווען. און מער צופרידן ווי אַלע אַנדערע איז געווען מיין פאָטער מיטן גבאי.

אויף מאָרגן איז ער שוין אַליין אַוועק אין שול און קומענדיק צוריק אַהיים דערציילט ער מיר אַז דער גבאי האָט אים מכבד געווען מיט אַ גוטן לחיים און יענער קען זיך גאָר נישט אָפּלויבן פון מיר און ווינטשט אַז ער אַליין זאָל כאָטש קענען לערנען אַ צענט־חלק ווי איך. און מיין פאָטער באַטראַכט מיר און פרעגט פון וואַנען איך קען דאָס אַזוי גוט לערנען, ווייל ער האָט נעבעך געוואוסט וואָס פאַר אַ „תנא־ברא“ איך בין געווען אַלס אינגל.

נו, וואָס טוט מען ניט צוליב דרכי־שלום? האָב איך אים געזאָגט אַ ליגן.

שבת איז מען מיר מכבד געווען מיט מפטיר. ווייסנדיק פאָראויס דאָס איך וועל באַקומען מפטיר, האָב איך דורך דער וואָך געווייינטלעך שטילערהייט גוט איינשטודירט. אַ שטימע האָב איך געהאַט אַ גוטע, און זייענדיק אַן ער־פאַלגרייכער דעקלאַמאַטאָר, האָב איך אָפּגעזונגען אַ מפטיר אַז זיי זיינען אַלע נתפעל געוואָרן און האָבן צוגעגעבן אַז נאָך אַזוינס האָבן זיי נישט געהערט און אַפילו דער חזן האָט מיר געוואונטשן אַ יישר־כח און האָט מיר שטאַרק געדריקט די האַנט און געפּאַטשט אין פּלייצע.

און דער גבאי איז צוגעגאַנגען צו מיין פאָטער און זאָגט: „נו, וואָס זאָגט איר יעצט? איך האָב אייך געזאָגט אַז ער איז אַ קענער!

פון גרויס שמחה האָט מיין פאָטער אָזש אָנגעהויבן צו וויינען און מיר שטאַרק געדריקט צום הארצן.

ער האָט דאָ פאַרבראַכט קאַרגע דריי וואָכן און געזען מער אין לאָנדאָן, ווי דער שטייגער איז, ווי איינער וואָס לעבט דאָ אַפּ זיין גאַנץ לעבן.

ביים טאַטנ׳ס אַוועקפאָרן האָב איך געמאַכט אַ סעודה אין שול און ער איז אַ גליקלעכער צוריק אַהיים געפאָרן.

ווען ער האָט בשלום געקומען אַהיים, שרייבט מיר מיין מוטער, אַז דער טאַטע קען זיך פון מיר גאָרנישט אָפּלויבן. ער באַרימט זיך פאַר יעדן אַז מפטיר קען נאָר זאָגן זיין „טרעטשאַק“. און לערנען — לערנען קאָן איך אַזוי



גוט אַז דער גבאי אַליין האָט זיך געוואונטשן אַז הלואי זאָל ער קענען אַ צענט חלק וואָס איך.

דער טאַטע נעבעך האָט געמוזט דענקן, אַז אַ לאָנדאָנער גבאי מוז אויך קענען לערנען ווי ביי אונז אין דער אַלטער היים.

אַט אַזוי, רבותי, האָב איך אָפּגענאַרט דעם טאַטן... און פאַרבליבן אַ מעמבער אין שול ביז היינטיקן טאָג... אַז ס׳קומט דער חודש אלול נעמען מיר אַרויס די תלמוד־תורה־קינדער צום ים און קליינוואַרג איז געוואַלטיק מקבל נחת פון מיר....

יעדעס יאָר, שבת פאַר ראש השנה, שטעל איך מיך צו אין שול אַריין און זאָג מיר אַפּ דעם מפטיר, דעם אויסגעלערנטן, לכבוד מיין טאַטן, און דער גבאי כאַפּט אַריין חמשה גינעס שנדר, און אַהיים גייענדיק — יענעם טרונק בראַנפן! און דער עולם קאָן זיך גאָר נישט אָפּלויבן פון דעם בעל מפטיר...

## א. נ. שטענצל

## „בני אדם יושבי חושך וצלמות“
(צייט־ליד)

אַז מיט האַנט אויף האַרץ צוגעבן זיי ווילן נישט,
די זינד וואָס אַקייגן אונז באַגאַנגען,
וועלן זיי מיט אַטאָם־באָמבע הילכיקע
דעם על־חטא־זעץ אין האַרץ זיך דערלאַנגען.

„בני אדם יושבי חושך וצלמות“!
זיי גרייטן קריג און ריידן פון פרידן,
אַ שיינע ריינע כפרה צו ווערן,
פאַר מיליאָנען פאַרטיליקטע יידן.

איבער די קעפּ, אין הימל, די באָמבערס,
מיט צעפּאַטשטע פליגל ברייט צעשפּרייטע,
די זון — דער רויט אָנגעבלאָזענער קאָם שוין!
פון כפרה־הענער ווילד צעקרייטע — — —

מיטן בליט פון די אומזיסט געקוילעטע,
דער משפט־אורטייל ער איז פאַרשריבן,
אויף פייכטער חתימה ס׳ביסל אַש צושיטן,
די פאַרקוילטע אויף שטויב שוין צעריבן.

אויב נישט מיט ליבשאַפט און מחילה־תפילה,
אויפגעריסענע הערצער אויפפראַלן,
אין תהום פון אויפגעריסענעם אָטאָם,
מוזן זיי כורעים פאַר שטן פאַלן.

גאָט, אויב אויסדערוויילט האָסט אונז דערצו,
גרעכטיקייט אויף דער ערד צו באַווייזן,
ווערסט דו זי שוין פריער אָפּמעקן מוזן,
איידער פון אַלדעס־בייז זי דערלייזן.

אַ, גאָט, און אויב אויסדערוויילט דו האָסט אונז גאָר,
דעם פײַנט אַלץ מוחל זיין און פאַרגעבן,
זיינען מיר אַצינד די זינדיקע פאַר דיר,
מיט האַנט אויף האַרצן, עס צו צוגעבן.

## אין „כל נדרי״ שעה

(אַ נשמה־ליכט פאַר מיין שוועסטער צימעלע)

אַ וואַקס געוועב געלבלעך אויסגעקיילעכט,
געקוועטשט פון אים לעצטן האַניק־טראָפּ,
אַזוי וועקסערן געל, וואַגיק־שווערלעך,
הענגט וואָלקן־געוועלק לײַדיק אַראָפּ.

ווי אומטיק טויט אַזאַ הימל איז
קוים באַלויכטן פון אַ נשמה־ליכט —
אַ פינסטער־פאַרלאָשענער בין־השמשות,
פון ווו זון פאַרגאַנגען, אומגעריכט.

נישט רויזן וואָלקנדלעך, בלוי־באַזוימטע,
בלאַסלעך־בלייך און זילבעריק פאַרבענקט,
גלייך ימים־נוראים פרוכתלעך,
איבער הייליקייטן אויפגעהענגט;

אויף וועלן־געמורמל שטיל שאָקלדיק,
אָפּשיין־שפּיגלדיקער זון־פאַרגאַנג,
אַזוי יענע טרערן־פעלדלדיקער,
ווייט־וויגנדיקער־ניגון געזאַנג — —

אַ, יענע שטילע סוף זומער־הימלען,
פול יעלה־תפילות און שטיל־געבעט — —
פון כמאַרע אַרויס פאַרטראַכטע לבנה
אויף בלויזע זאַקן פאַמעלעך טרעט — —



ווי אומעטיק גרוי אַזאַ הימל איז — —
מוטנער טייך וואָס הויכט פייכט און קיל!
כ׳שטיי איבער אים אַ געבוקטע ווערבע,
און וויין אין מיר אַריין טרויריק שטיל — —

מיין פנים אין טרערן, אַ צעציטערטס,
געלבלעך וועקסערן און בלאַסלעך־בלייך —
שמעלץ פון אויסגעלאָשן נשמה־ליכט,
לבנה׳יש שפּיגלדיק אויף שוואַרץ פון טייך.

## אלימפּיוס...

(ים־באַלאַדע אָסיען 1948)

וואַלד אין סוף־זומער אין פיבערדיקן פאַרוויאַנען,
ווען פּלוצלינג אַ שטורעם־ווינט נעמט קעמען זיינע שטאַמען?
דאַמפנדיקער ים אין נאַסע אַנגסטן געשליידערט,
לאַשטשענדיק־לעשנדיק, פול לעצטע גלוסטעניש־פלאַמען?
נישט די ווענוס שפּרינגט פון שוימיקע וועלן אַרויס —
טראַפּנדיק־סאַפּנדיק אויף בלוט־צעכוואַליעטע ים׳ען,

אַ צעפאַלענער, אַ ווערעמדיק־צעפרעסענער,
אַ גאַנצן צעכאַליעטן טאָג אויף סאַפּקעלע־בעטל,
אויף פּראַכנע צעשאָטנער ביים לעבעדיקן לייב —
וויאַנענדיקער סוף־זומער וואַלד מיט צווייגל און בלעטל!
אויף מידן הימל די ציענדיקע וואָלקנדלעך,
זיין נערוועז רויכל, ציגאַרעטל נאָך ציגאַרעטל.

אַרום כאַליען צעכוואַליעטע, ברייט־צעוואַליעטע,
מיט צעפּאַטשטע בריסט און באַקעס, פול פרייכן און שוויצן,
און ער געוואָרפן גרין־געקוואַלן, בלוי־געשוואָלן,
אויף פליוש־ווייכן סאַפּקעלע צומאָל נישט איינצוזיצן;
פון צווישן פוילע ציין זיין הוילער ירגזון־שפּיי —
דאָס קייכנדיקע אויפבריזן מיט שוימען און שפּריצן!

וואָלטן די אַלטע קושיזעס נישט געבראַכן אַזוי,
ער וואָלט פון די כאַלעוועס אַרויס ס׳מעסער געצויגן,
און איינס ביי איינס די קישקעס זיי אַרויסגעלאָזן —
ווי ס׳גלאָצט דאָס מיט סמעטענע איבערלאָפענע אויגן!
און די בריסטן, ברייט און גרויס, הענגען ווי די אייטערס,
כאָטש דריילינגער מיט יעדער איינער אָנצוזויגן.

קוים וואס ער קען זיך נאך אויפן אונט דערוואַרטן,
דעם רויטן לאמטערן פארן פענסטער אנצוצינדן —
זון־פארגיי, סוף־זומערדיקן הענגט ער ארויסעט,
א צעהוידעטן אין ימיק־ווילדע שטורעם־ווינטן — —
און שוין מיט טויזנט בייטשן נעמט עס „פיפיק" פייפן,
פאסמעסוויז פון צעפאסעוועטע לייבער צו שינדן.

קוים וואס ער קאן זיך נאר אויפן אונט דערוואַרטן,
פאר פענסטער ארויסצוהענגען דעם רויטן לאמטערן,
און שוין פארעט עס, פרייכט עס, שווייסיק און שוויציק,
גרעפצנדיק־מייקענדיק, פארשכורט דערפון צו ווערן — —
וואקלט ער ארום באקעס, נאקעט־צעכוואליעטע,
א הינקעדיק־ווינקעדיק פאצעטל מיט מאניערן!

און ווי אין זיינע יונגע יארן, ווי אמאל פונקט,
א לויפנדיקער אהין אהער, נישט אויפצוהערן,
דעם קליינסטן ווייטיק אין די קושיזעס נישט צו פילן,
שפילן איבער גרינעם ים־פלאך ביליארד מיט די שטערן,
ביז אלע ווי איינער אין כמארע־טארבעלע אריין,
פלינק געקייקלט האבן זיך, נישט מער צוריק צוקערן —

מיט יעדן מאסט־בוים ביים ברעג, ביז שפעט נאך האלבער נאכט,
שטויסט ער ווי אין באלעמס מיט א לאנג געשטרעקטן שטעקן!
שטיל ערשט ווערט ער, ווען ווי פון פארלעך הערט ער א סאפן,
זייער זיס־פארשלינגעטן־שלאף נישט איבערצוּוועקן — — —
ס׳ברעכן אין די קושיזעס פאנגט ער ווידער אן שפירן,
ווען דעם לאמטער אראפנעמען די הענט ר׳וויל אויסשטרעקן!

בלייבט ער הענגען, א סוואנט־צאנקענדיקער לאמטערן —
קאלט־בלאזנדיקער שאריען מיט וויאגענדיק בלעטל!
זיך ווארפנדיק, הויקערדיק־הינקענדיק, קורטשענדיק,
אויסגעלאשן־גרוי, אויף פליושענעם סאפקעלע־בעטל,
פארגאווערט מיט געלן שוים אויף ליפן־געמורמעל,
חלומדיק: א פאצעטל, לאשטשעדיק טוליע־גלעטל — —"

פון בליענדיקן צוויט, פון שוימיקע וועלן,
א טאנצנדיקע איז די ווענוס ארויסגעשפרונגען,
באקכוס, א באהאנגענער אין וויינטרויבן הענגלען,
פון א וויין־קעלטער ארויס שכורלעך צעזונגען,
און אלימפיוס, א הינקנדיקער, אויף סקי־קולעס,
אין ווייסן וויסטן ווייט איז׳ס פארווייען געלונגען.



## אהרן ר. ראלין

# ווען ל. שאפירא איז געווען אין לאנדאן
# י. ח. ברענער׳ס נאבעלע באציאונג צו אים

ל. שאפירא איז אנגעקומען אין לאנדאן מיט זיין אלטשינקער מאמע אין דעצעמבער 1905. דאס איז געווען די צייט ווען די ערשטע רעוואלוציע אין אלטן צארישן רוסלאנד איז שוין געווען דערטרונקען אין טייכן בלוט, און ברוטאלע פאגראמען קעגן די יידן האבן זיך פארשפרייט איבערן לאנד. שאפיראס אידעלע נאטור האט ניט געקאנט פארטראגן יענע פארשעמטע אטמאספערע; אויך זיין זארג פאר דער זיכערקייט פון זיין מוטער וועמען ער האט פארערט און אויפגעפאסט מיט א זעלטענע צערטליכקייט האבן אים געפירט צו פארלאזן ווארשע וואו ער האט געהאט א בכבודיקע שטעלע אין איינע פון די דארטיקע טעגלעכע צייטונגען.

אריינגעפארן אין לאנדאן איז שאפירא צו אונזער ביידנס א פריינט — אברהם ראזענבלאט — א סטאליאר וואס האט געוואוינט אין ראטשילדס בילדינגס אין טראהל סטריט, ביי בריקליין. אין ווארשע פון וואנען ראזענבלאט איז געקומען מיט עטלעכע מאנאטן פריער האט ער געארבעט פאר זיך און געהאט א פארהעלטניסמעסיק גרויסע הויז וואו עס פלעגן זיך אפט צוזאמענקומען די „יונגע" ליטעראטן פון יענער צייט ווי אברהם רייזין, נאמבערג און אנדערע. שאפירא, א געבוירענער אין אוקראינע, האט געוואוינט א געוויסע צייט ביי ראזענבלאטן, וועלכער האט געוויזן צו אברהם רייזין זיין קווארטיראנטס כתב ידן און רייזין האט שאפיראן ערמוטיקט צו שרייבן ווייטער און צו דריקן זיינע ארבעטן.

פאר די עטלעכע מאנאטן וואס איך בין געווען אין ווארשע סוף 1902 פלעג איך אפט אריינקומען צו ראזענבלאטן אין הויז, און מיר האבן ווידער באנייט אונזער באקאנטשאפט און פריינטשאפט נאך זיין קומען אין לאנדאן וואו איך האב שוין געוואוינט פון יולי 1904.

איך האב זיך אלזא געטראפן מיט ל. שאפירא אין לאנדאן באלד נאך זיין אנגעקומען און גלייך געקראגן א גרויסן רעספעקט און אכטונג צו דעם דאמאלסטיקן יונגען מאן פון עטלעכע און צוואנציק יאר, פון מיטעלן וואוקס, דין, נערוועז, אויסערלעך פיזיש־שוואך, אבער מיט א שטארקן גייסט, א פיינפילנדער נשמה, א קינסטלער און עסטעט. ער האט מיטגעבראכט א רעקאמענדאציע בריף פון י. לידסקי, פון באוואוסטן ווארשעווער ביכער פארלאג, צו די לאנדאנער צוויי יידישע טאג צייטונגען, אבער קיין ארבעט האט שאפירא דא ניט באקומען, און זיך געפונען אין א פארצווייפלטער לאגע.

די צוויי צייטונגען זענען געווען דער אלטער „יידישער עקספרעס" און „יידישער זשורנאל". אין „זשורנאל" איז שוין דאן געווען רעדאקטאר מאריס מייער ע״ה און ער האט אויפגענומען שאפיראן העפלעך אבער ערקלערט אז

די צייטונג האָט ניט לאַנג געגרינדעט אַ ייד אַ סוחר — מר. זשוק — פאַר פּראָפיטן און וויל מער קיין געלט אויף שרייבער ניט ערלויבן. שאַפּיראָס באַזוך אין דער רעדאַקציע פון „עקספּרעס" האָט אויף אים געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. ער איז אַנגעקומען צו זיך אַהיים (ווען איך בין גראַד ביי אים געווען) אַן אויפגערעגטער און פאַרצאַרנטער פון חרפּה און האַרצווייטיק. סטייטש, האָט ער געטענהט, אַ וואַרשעווער טרעגער איז דאָך מער אינטעליגענט, אַנשטענדיק ווי דער גראָבער יונג וואָס רופט זיך רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג. ווי שעמט ער זיך גאָר ניט מיר צו זאָגן אַז „מיר דאַרפן דאָ ניט קיין שרייבער, אָט זעט איר די ענגלישע צייטונגען אויף מיין טיש. און אַ שער — איך שנייד אויס וואָס איך דאַרף און גיב עס צום זעצער און ער מאַכט עס שוין פאַרטיק צום דרוקן אויף יידיש". פאַר ל. שאַפּיראָ וואָס האָט געקוקט אויף דער ליטעראַרישער אַרבעט (איינגעשלאָסן צייטונגען) ווי אויף אַ הייליקער מלאכה (און אין אַ וואַרשאַווער טאָג צייטונג האָבן דאַן אַ 12־10 יידישע שרייבער געהאַט בכבודיקע חיונה) איז די גראָבע באַנאַלע האַלטונג פון דעם „עקספּרעס" רעדאַקטאָר געווען אַ פּאַטש אין פּנים, און ס'האָט אים פאַרשאַפט פיזישע און מאָראַלישע יסורים.

צו יענער צייט זענען ערשינען אין לאָנדאָן דריי ראַדיקאַלע צייטונגען אין יידיש וועמענס רעדאַקטאָרן זענען געווען ניט יידן. די וועכנטלעכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „נייע צייט" האָט רעדאַקטירט אַ רוס מיטן נאָמען בעק. דעם וועכנטלעכן „אַרבעטער פריינד" האָט רעדאַקטירט רודאָלף ראָקער — אַ דייטשער אַנאַרכיסט. די צוויי וועכנטלעכע „פרייע אַרבעטער וועלט" האָט געהאַט אַלס איר טעאָרעטישן רעדאַקטאָר קאַרל מאַרלייט (פּיער ראַמוז, גראָסמאַן) אַ ווינער אַנאַרכיסט און האַלבער ייד. דערפאַר אָבער האָט די לעצטע צייטונג באַלד פון אָנפאַנג באַשטימט אַלס ליטעראַרישן רעדאַקטאָר דעם באַרימטן י. ח. ברענער וואָס האָט דאַן געאַרבעט און געוואוינט ביי נאָראַדיצקי אין 48 מייל ענד רויד. דאָרט האָט זיך אויך די צייטונג געדרוקט.

ברענערס אַרבעט איז געווען אויפצופּאַסן אויף דעם יידיש פון דער צייטונג און געבן פון צייט צו צייט אַרטיקלען און איבערזעצונגען פון העברעאיש. דערפאַר האָט ברענער באַקומען איין פונט אַ נומער אָדער צען שילינג אַ וואָך. איך, דאַן אַ 19 יעריקער בחור, האָב מיטגעאַרבעט אין דער „פרייער אַרבעטער וועלט". וואו ס'האָבן זיך געדרוקט מיינע לידער. וואָס איך האָב אין יענער צייט געשריבן, אויך איבערזעצונגען פון רוסיש, און איך האָב מיטגעהאָלפן מיט דער קאָרעקטור פון דער צייטונג. דורך דעם פלעג איך זיך אָפט טרעפן מיט ברענערן און מיר זענען געוואָרן אינטים און באַפריינדעט.

ווען ברענער האָט געהערט פון שאַפּיראָס לאַגע האָט ער באַשלאָסן אים איבערצוגעבן זיין אַרבעט אין דער פ.א.וו. און, געוויינלעך, די צען שילינג אַ וואָך. פאַר שאַפּיראָן איז דאָס געווען אַ גרויסע מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף. פאַר ברענערן אָבער איז דאָס געווען אַ קאָלאָסאַלער מאַטעריעלער קרבן. זיין פאַרדינסט אַלס זעצער איז דאַן אין גאַנצן געווען 20 שילינג אַ וואָך.



פון דעם פלעגט ער אַ העלפט אַריינבראָקן אין זיין פיינעם העברעאישן זשורנאַל „המעורר" וואָס ער האָט דאַן אַרויסגעגעבן (אויסער די שווערע פיזישע און גייסטיקע אַרבעט וואָס ער האָט אין זיין זשורנאַל אַריינגעלייגט). מען קען זיך דערפאַר פאָרשטעלן ווי פיל די עקסטרע 10 שילינג אַ וואָך פון דער יידישער צייטונג האָבן באַדייט פאַר ברענערן. דאָך האָט ער עס אין מיין אַנוועזנהייט איבערגעגעבן צו שאַפּיראָן אויף אַזאַ פיינעם האַרציקן אופן אַז יענער האָט גאָר קיין חשד ניט געהאַט וועגן דעם קרבן וואָס ברענער ברענגט צו אַ חבר, ווייל אַנדערש וואָלט די איידעלע נאַטור פון שאַפּיראָ זיך אָפּגעזאָגט דערפון. אגב. האָט דער נאָבעלער אַקט פון ברענערן נאָך מער פאַרשטאַרקט אונזער ליבשאַפט און פאַרערונג צו אים.

אַזוי ווערט אין פינפטן נומער „פרייע אַרבייטער וועלט" געדרוקט אויף דער ערשטער זייט איין אָריגינעלע געדיכט פון ל. שאַפּיראָ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אונטער די דריקנדע ווירקונג פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. עס איז דערשינען פרייטיק דעם 5־טן יאַנואַר 1906 (דאָס געדיכט איז געדרוקט באַזונדער אין דעם העפטל „לשון און לעבן"). יעדער נומער פון דער צייטונג האָט געהאַט אַן אָפּטיילונג מיטן נאָמען „ספר הזכרונות". אין דעם פלעגן אַריינקומען אַ רייע נאָטיצן וועגן די וויכטיקע פּאַסירונגען פון יענער צייט. איך גיב דאָ איבער דריי נאָטיצן וועגן ל. שאַפּיראָ וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „ספר הזכרונות" אין פינפטן נומער.

צו ערשט וועגן דעם געדיכט: — „מיר מאַכן אויפמערקזאַם די לעזער פון דער פ.א.וו. אויף דאָס אָריגינעלע געדיכט פון ל. שאַפּיראָ וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן איבער איר באַזונדערע וויכטיקייט אויף דער ערשטער זייט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר מיינען ניט מיט אונזער באַמערקונג צו געבן אַ הסכמה אַז דער שיר איז איינע פון די וואָס ניט אַלע טאָג שרייבט מען אַזעלכע — דאָס, גלויבן מיר, וועט זען יעדער ווער עס ווייס נור וואָס פּאָעזיע איז — מיר זענען נאָר אויסן אַז אונזערע לעזער זאָלן ניט אַריבער איבער דיזן געדיכט ווי געוויינלעך איבער צייטונגס לידלעך".

צווייטנס, אַן אָפּהאַנדלונג וועגן ל. שאַפּיראָ אַלס שרייבער: — „ל. שאַפּיראָ איז איינער פון די פיל צוזאָגנדע יונגע שרייבער. דערווייל האָט ער בלויז אייניקע שריפטן פאַרעפנטלעכט אין פרץ־ס געוועזענע מאָנאַטשריפט „די יידישע ביבליאָטעק" אין „זשורנאַל", „די יידישע צוקונפט", אין וואָכנבלאַט „דאָסיידישע וואָרט", אין זאַמלבוך „פּראָגרעס" א.א.וו. לעזנדיק אָבער די קורצע, קאָנצענטרירטע, עדלע, אַמאָל דיזן הומאָריסטישע, אַמאָל דיזן מעלאַנכאָלישע שטריכן פון דיזע ווייניקע שריפטן, קען מען איבערצייגט ווערן אַז דיזער אָנפאַנגער, ווען ער זאָל נאָר ווייטער האָבן די מעגלעכקייט צו אַנגיין מיט זיין וועג, וועט עפּעס וויכטיקעס זאָגן!"

די דריטע נאָטיץ אַנאָנסירט אים אַלס שטענדיקן מיטאַרבעטער: — „ל. שאַפּיראָ איז ערשט ניט לאַנג אין לאָנדאָן. בלויז מיט אייניקע וואָכן צוריק איז ער אַהער מיט זיין מוטער געקומען פון רוסלאַנד און מיט טיפע פרייד

טיילן מיר מיט אונזערע לעזער דאָס ער האָט פאַרשפּראָכן צו מיטאַרבעטן אויך אין די קומענדע אויסגאַבן פון דער „פרייע אַרבעטער וועלט“. ל. שאַפּיראָ איז ניט קיין פּאַרטיי אַנאַרכיסט (ער איז בכלל לויט די נייגינגען און שטימונגען פון זיין נשמה ניט קיין פּאַרטיי מאַן), מיר רעכענען אָבער אַז יעדער אמתער פּאָעטישער פונק דאַרף ביי אונז געשעצט ווערן, זא צו זאָגן, אַן אין פיר זיך, דען דער פּאָעטישער טאַלאַנט באַגרייפט שטענדיק מער פון אונז ניט פּאָעטן, די ליידן פון דער געזעלשאַפט, פון דעם אינדיווידיום, פון דער מענטשהייט“.

דעם „ספר הזכרונות“ אין דער „פרייע אַרבעטער וועלט“ האָט געוויינלעך געשריבן ל. באַראָן, אַן אינטעליגענטער אַרבעטער, אַ ברויזנדע, רעוואָלוציאָנערע נאַטור וואָס פלעגט נאָר ריידן און שרייבן און אַגיטירן קעגן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן סיסטעם פון דער געזעלשאַפט. איך בין אָבער איבערציינגט אַז די נאָטיצן וועגן ל. שאַפּיראָ וואָס איך האָב אויבן ציטירט, און זיכער די ערשטע צוויי זענען געשריבן געוואָרן פון אונזער אונפאַרגעסלעכן י. ח. ברענער. איך ווייס אַז ברענער האָט געשריבן אין דער „פרייע אַרבעטער וועלט“ וועגן ל. שאַפּיראָ׳ס ליטעראַרישע אַרבעט און איך האָב קיין אַנדערע אַרטיקלען וועגן דעם ניט געפונען אין דער צייטונג ווען איך האָב עס לעצטנס ווידער דורכגעבלעטערט אין דער ביבליאָטעק פון בריטיש מיוזעאום. ברענער פלעגט איבערהויפּט ניט געבן זיין נאָמען אויף זיינע אַרטיקלען און איבערזעצונגען, בלויז אין ערשטן נומער פ.אַ.וו. איז געדרוקט י. ל. פּרץ׳ס אַ דערציילונג „ווי הייסט עס?“ און אונטערצייכנט „איבערזעצט אויס דעם העבראַישן פון י.ח.ב.“

ווען שאַפּיראָ האָט איבערגענומען פון ברענערן די אַרבעט פאַר דער צייטונג האָט ער אויסער דאָס אויפפּאַסן אויף דער ליטעראַרישער זייט פון דער פ.אַ.וו. אויך אָפּגעדרוקט אין זיבטן און אַכטן נומער אַ פיינע דערציילונג מיטן נאָמען „פאַרן שטורם“. די דערציילונג איז זיין געדיכט אין פינפטן נומער זענען די צוויי וויכטיגע ליטעראַרישע זאַכן וואָס ל. שאַפּיראָ האָט געדרוקט אין לאָנדאָן. לײדער אָבער האָט די צייטונג לאַנג ניט עקזיסטירט. יעדער נומער האָט געמיינט אַ שווערן דעפיציט וואָס אַ צענדליק יונגעלייט, מיטגלידער פון „פרעס פאַראיין“ האָבן באַדאַרפט גוט מאַכן. און פרילינג פון 1906 זענען אָבער געווען סטרייקס און אַרבעטסלאָזיקייט וואָס האָט געמאַכט אונמעגלעך צו דעקן דעם דעפיציט, און די צייטונג האָט זיך געענדיקט מיטן 18־טן נומער דעם 29־טן יוני 1906.

מיר זענען געבליבן שולדיק צו ל. שאַפּיראָ דרייסיק שילינג שכירות, און איך האָב געפילט אַ פערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערפאַר. אין דריי וואָכן צייט, צו 10 שילינג אַ וואָך, האָב איך אים באַצאָלט דעם חוב און געקראָגן אַ קוויטירונג אויף איינע פון זיינע אָריגינעלע וויזיט קאַרטן, אַז זיינע „חשבונות מיט דער פרייע אַרבעטער וועלט זענען פאַרענדיקט“. קורץ נאָכדעם איז ל. שאַפּיראָ אַוועק נאָך אַמעריקע און האָט דאָרט פאָלשטענדיק



באַרעכטיקט ברענער׳ס מיינונג אַז „ער וועט עפּעס וויכטיגעס זאָגן“. זיינע ווייטערע דערציילונגען, ספּעציעל „דער צלם“ האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין דער יידישער ליטעראַטור און ד״ר זשיטלאָווסקי און אַנדערע האָבן מאָנאַטן לאַנג געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם.

איך לאָז איבער פאַר אַנדערע חברים צו שרייבן וועגן ל. שאַפּיראָ׳ס ריין ליטעראַרישע דערגרייכונגען. איך האָב זיך דאָ אָפּגעגעבן בלויז מיט די קורצע צייט וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין לאָנדאָן מיט 42 יאָר צוריק. איך האָב געהאַט דעם כבוד און גענוס צו זיין באַפריינדעט מיט אים און צו פאַרברענגען אַ סך אין זיין געזעלשאַפט אין יענער צייט. איך האָב קיינמאָל ניט פאַרגעסן און וועל שטענדיק געדענקען דעם גייסטרייכן, טאַלאַנטירטן און אידעלן יונגן מאַן וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס „למד שאַפּירא“.

## ל. שאפּירא

א שוואַרצע נאַכט א תהום — א הימל,
עס שלאָפט קיין מענש פון עק צו עק,
קיין איינציק אויג פאַרשליסט דעם דרימל
אין דיזער נאַכט פון שאנד און שרעק.
א שוואַרצע נאַכט, מיט טויזנט אויגן
פאַרקוקט דער טויט צו אונז אהער...
ער האָט זיין שווערד פון שייד געצויגן
און קערט אים שוין צוריק ניט מער.
גיט אַכט, גיט אַכט, איר טרייע וועכטער!
איר הערט?... דורך נאַכט פון צייט צו צייט
דערגרייכט צו אונז אַ ווילד געלעכטער,
אַ בייז געשפּעט פון שונא׳ס זייט...
— — — — — — — — — —

דיין בליק איז ווילד; דיין שטערן ווידער
איז בלאַס און פייכט פון קאַלטן שווייס...
דו ציטערסט, פריינד, מיט אַלע גלידער —
עס איז דיר קאַלט?.. עס איז דיר הייס?..
— — — — — — — — — —

איך קאָן ניט מער!.. מיין יעדער אבר,
מיין גאַנצעס בלוט, אין קאָפּ די האָר —
דאָס אַלעס שפּירט דעם הויך פון קבר!
ווייסט וואָס איז — אַלט זיין צוואַנציק יאָר?!
איך קאָן ניט מער.. די אנגסט מיט צוואַנגען

כאַרקוּועטשט מײַן האַרץ אין טויטער קלעם.
האָט ווער מײַן ווילן דען געפאַנגען?
איך שטאַרב — נאָך וואָס? פאַר וואָס? פאַר וועם?
עס ברענט אין בלוט אַ העליש פײַער,
מײַן קאָפּ איז שווער ווי בלײַ, ווי שטיין.
איז עמיץ מער מיר ליב און טײַער
פון מיר אַליין?.. פון מיר אַליין?..
גיין אונטער ד׳ערד, אין שטיינער־שפּאַלטן
פאַרקריכן וועל איך, ליגן שטום —
און וועל פון טויט זיך אויסבאַהאַלטן!
און אַלע איר — קומט אום! קומט אום!..

— — — — — — — — — —

עס הערט דעם קרעכץ און ווערט פאַרציטערט
די נאַכט אַליין אויף איין מינוט...
ווי שרעקליך שווער עס איז די גסיסה
פון שטאַרקן גוף, פון יונגען בלוט!...
אין האַרטן שטאָל פאַרוואַנדלען אײַזן —
ווי הויך און שטאַרק מוז זײַן די היץ!
ווי שווער דער שטויס איז צווישן וואָלקענס
וואָס רײַסט אַרויס אַ העלן בליץ!...
אָ, גאָט! מיר בעטן קיין נצחון!
ווײַש אָפּ פון פאָלק זײַן גרויסע שאַנד,
ערלויב אונז זען דעם שונא׳ס פּנים
און שטאַרבן מיט דער שווערד אין האַנט...
ערלויב אונז פאַלן וואו מיר שטייען,
דעם פּחד טרײַב פון אונז אַוועק,
און שטאַרק דאָס האַרץ, און גיב אונז צאָרן
אין דיזער נאַכט פון ווילדן שרעק...

— — — — — — — — — —

דו שפּירסט?.. עס פאָכן קאַלטע פליגל...
דאָס זוכט דער טויט פאַר זיך קרבנות,
ער קלײַבט דאָס יונגסטע אָן רחמנות
און לייגט דערויף זײַן שוואַרצן זיגל.
איך הער דעם שונא׳ס פריילעך שאַלן,
איך זע ווי שטייף ער ציט זײַן בויגן —
עס איז אַ פײַל פאַרבײַגעפלויגן,
עס איז אַ פרײַנד דאָרט שווער געפאַלן...
אַ שטילער קרעכץ — אַ זיפץ — געשטאָרבן.
נאָר — שאַ! דאָ איז קיין פּלאַץ פאַר וויינער!



און נאָך... און נאָך... אַ האָגל שטיינער...
גרייט אָן דײַן בלוט, דו כהן־קרבן!

— — — — — — — — — —

און פילסטו שרעק,
פאַרבײַס די ליפּ,
פאַרקריץ די ציין
און שווייג... און שטום...
און רינט דײַן בלוט,
און פּלאַצט דײַן האַרץ,
און שטאַרבסטו — שטאַרב —
און שווייג... און שטום!...
און שטרעקסט דײַן האַנד
און צילסטו — טרעף,
און שלאָגסטו — טויט —
און שטום! און שטום!...

## לעאָ קעניג

### די פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור

(רעפעראַט געהאַלטן אין פּאַריז אויפן אייראָפּעאישן קולטור קאָנפערענץ)

חשובע פרײַנט,

איך מוז זיך קודם כל ענטשולדיקן פאַר מײַן קורצן און אין גרויס אײַלעניש צוגעגרייטן רעפעראַט וועגן די פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור. ס׳איז אַ גרויסער שאָד ווײַל איך גלויב אַז דער איצטיקער מצב פון אונדזער יידישער פאָלק־ליטעראַטור וואָלט געדאַרפט זײַן די הויפּט־טעמע, אויב ניט די איינציקע, פון סײַ וועלכע יידישע קולטור־קאָנפערענץ.

איך מוז זיך מודה זײַן פאַר אײַך: איך בין גאָרנישט קיין גרויסער מאמין אין קולטור־קאָנגרעסן און קולטור־קאָנפערענצן. פּערעפראַזירנדיק אַ באַרימט גלײַכווערטל וואָלט איך געזאָגט: קולטור שאַפט מען ניט, קולטור שאַפט זיך אַליין אין גינסטיקע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַדינגונגען. איך קען זיך ניט דערמאָנען פון סתם קולטור־קאָנגרעסן בײַ אַנדערע קולטורעלע פעלקער. מיר הערן פון נאַציאָנאַלע קאָנגרעסן פון שרײַבער, טעכניקער פּערמערס טרייד־יוניאָניסטן און אַנדער קערפּערשאַפטן וועלכע זענען טעטיק אויף די פאַרשידענע שפּעריישע און בוי־געביטן, וועלכע עס שטעלן אַלע צוזאַמען צונויף דעם סכום וואָס רופט זיך נאַציאָנאַלע קולטור.

אָבער סתם קולטור־קאָנגרעסן פון דעם הערט מען נאָר בײַ אונדז דאָבט זיך. קולטור איז צו אַן אַבסטראַקטער און אַלאומפאַסנדער באַגריף ווען מען רופט צו אַ קולטור־קאָנפערענץ אָדער צו אַ קולטור־קאָנגרעס פרעגט זיך:

פון וואס פארא קולטור־צווייג אדער געביט גייט מען דארט רעדן? וואס פארא קולטור מיינט איר? ס'איז דא אזויפיל קולטור־צווייגן און קולטן ביי יעדן פאלק — טעכנישע, קינסטלערישע, ליטערארישע, ווירטשאפטלעכע, אלטע און נייע און אויך פארשיידענע אידעאלאגישע און קלאסן קולטורן, בורזשואזיע, פראלעטארישע, קליינבירגערלעכע. און ווען מיר ריידן אזוי פיל פון יידישער קולטור, פרעגט זיך פונקט אזוי וואס איז אזוינס יידישע קולטור? וועלכע יידישע קולטור מיינט איר? וועלכן צווייג? וועלכע עפאכע? אין פארשיידענע עפאכן, פון די ביבלישע צייטן אן, האט דאס יידישע פאלק געשאפן פארשיידענע ווערטן אויף פארשיידענע געביטן, לויט די באדערפענישן און אומשטענדן פון די עפאכן און קלימאטן אין וועלכע זיי האבן געלעבט; און ניט אן א נאטירלעכן פאזיטיוון און נעגאטיוון איינפלוס פון די ארומיקע פרעמדע קולטורן צווישן וועלכע זיי האבן געלעבט. ווייל איזאלירטע, אדער אפסאלוט אריגינעלע קולטורן זענען בכלל ניט בנמצא.

זעלבסטפארשטענדלעך אז פאך־לייט, פארשער און היסטאריקער פון נאציאנאלע קולטורן קענען זוכן און געפינען לויט זייערע צייט־אנשויאונגען דעם המשך די קאנטינואיטעט, אדער ווי אונזער פרץ האט עס אנגערופן „די גאלדענע קייט" און די אלע שעפערישע עפאכן פון א פאלק. דאס איז אבער די אויפגאבע פון א קאנגרעס פון אקאדעמיקער. פאכלייט און ניט פון פאלקישע קולטור־פאריינען פון פארשיידענע צווייגן, לענדער און מער ווייניקער פארשיידענע ריכטונגען. ווי דער מן אין דער מדבר האט דער באגריף קולטור דעם טעם וואס יעדן פון אונז ווילט זיך האבן. איינע זוכן דעם כוח היהדות, אנדערע א יידישע מיסיע אדער סתם א יידישקייט וואס לאזט זיך ניט דעפינירן און ביי איניקע פון אונזערע קולטור־טוער האט דער באגריף קולטור דעם טעם פון כצפחת בדבש; פון עפעס וואס איז געפרעגלט און איבערגעפרעגלט אין האניק און שמן־זית און ביי אנדערע איז דער אבסטראקטער ענין קולטור געווארן א קאמופלאזש פאר אנדערע פראבלעמען, אדער גאר א מין עסקייפיזם, א אויסרייד צו אנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט און אירע רעאלע פראגן.

דערפאר זאג איך אז אויב עס קומט שוין פאר ביי אונז א קולטור־קאנפערענץ אדער קאנגרעס דארפן די יידישע ליטעראטור, דער איצטיקער מצב פון אונזער ליטעראטור, זיין די צענטראלע, די סאמע וויכטיקסטע פראבלעמען. און ס'קאן זיין אז ס'וואלט שוין געווען א סך פראקטישער און רעאליסטישער צו רופן א קאנגרעס פון יידישע שרייבער פון אלע לענדער און ניט פון פלאטאנישע סתם קולטור־טוער און רעדנער. זעט איר ווען מען רעדט פון דער נייער יידישער ליטעראטור רעדט מען שוין פון עפעס קאנקרעטס ממשות'דיקעס און ניט גלאט אין דער וועלט אריין — קולטור, קולטור און אבער קולטור. אגב — און א גרויסער אמת דערצו — זענען די מאדערנע יידישע און העברעאישע ליטעראטור די איינציקע אפשר פאזיטיווע קולטור־געביטן, קולטור־ווערטן וואס אונזער פאלק האט אין לעצטן יארהונדערט געשאפן.



נאטירלעך זענען אלע אונזערע גרויסע יידישע נאציאנאלע און פאליטישע פארטייען וואס זענען אויפגעקומען אין לעצטן יארהונדערט איינצייטיק מיט אונזערע נייע ליטעראטורן אויך גרויסע קולטור פאקטארן אדער קולטור רעפלעקסן; פון אנדערע אבער מאדערנע יידישע קולטור־געביטן טעכנישע אדער ווירטשאפטלעכע ווייס איך ניט אין דער דיאספארא. ניט אומזיסט און מיט רעכט פלעגן מיר ביז גאר לעצטנס ריידן פון אונזער ליטעראטור ווי פון כמו־לאנד, כמו־פאטערלאנד.

די יידישע ליטעראטור. דער איצטיקער מצב פון דער יידישער ליטעראטור. וואלט געדארפט זיין די צענטראלסטע אויב ניט די איינציקע, ווי געזאגט, פראבלעם אונזערע, ווייל מיט דער פראבלעם איז דירעקט און ארגאניש פארבונדן די פראגע פון דער שפראכלעכער אסימילאציע וואס איז אומפארמיידלעך, ווייזט אויס, פארקומען אין דער עמאנציפירטער יידישער דיאספארא (ווי אין אמעריקע רוסלאנד א.א.וו.) און מיט די קאנקרעטע דרינגענדיקע פראגן פון דעם יידישן שול־וועזן און פארלאג־וועזן אויב זיי קענען ווירקזאם אפשטעלן אדער מעכב זיין די שפראכלעכע אסימילאציע?

איך וועל גיין נאך ווייטער און זאגן אז די פראבלעם יידישע ליטעראטור רופט איצט ארויס, הגם שוין ניט אזוי דירעקט, אויך די פראגע פון די באציאונגען צווישן אונזערע ביידע נאציאנאלע שפראכן; וועלן די יידישע שרייבער ביסלעכווייז, בהדרגה פארלאזן די פאלקס־שפראך און אריבערגיין צו העברעאיש אין ארץ ישראל ווי עס ווערט אפשר מיט דער מלוכה־ישראל געבוירן אויך א יונג און אנדער פאלק ישראל.

און נאך א פראגע, וועט דער יידישער שפראכלעכער און סטיליסטישער איינפלוס ניט מוזן ווערן שטארקער אין ישראל מיטן צופלוס פון גרויסע יידישע מאסן? וועט דער העברעאיש אין ישראל מיט דער צייט אסימילירן נאך מער יידישע עלעמענטן ווי אונזערע יידיש האט אסימילירט לשון קודש אמאל?

וועט ניט קומען צו א סינטעטישער אסימילאציע צווישן אונזערע ביידע נאציאנאלע ליטעראטורן און שפראכן? די פראגן וועלן אפשר אין דער נאענטסטע צוקונפט גאר ניט קלינגען אזוי עפעמער פראבעלמאטיש.

(המשך קומט)

„דאס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראם"
די נייע פאעמע פון די דיכטערין חוה ראזענפארב
צו באקומען ביי:
MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1
— פרייז 5/6 —
ביבליאטעקן באקומען דאס בוך פריי.

דר. יעקב י. מייטליס

# די קאַטאַסטראָפע־יאָרן ת״ח ות״ט

## (היסטאָרישע רעפלעקסן)

(המשך)

.2

דאָס גרויסע פאַרגיין פון די יאָרן ת״ח ות״ט (אַ ווייטער 300־יעריקער יובל אין הײַנטיקן יאָר תש״ח), האָט איבערגעלאָזט מורא׳דיקע פאַרוויסטונגן אין די יידישע געצעלטן פון פוילן. גאַנצע קהילות אין די ראַנד־געביטן זיינען געוואָרן אָפּגעמעקט, הונדערטער, טויזנטער יידן אויסגעקוילעט, אָדער פאַרשלעפּט פון די טאַטערן און פאַרקויפט אַלס געפאַנגענע אין די ווייטע לענדער. אויב די קאָזאַקן האָבן מיט זייער צעיושעטער אכזריות אַלצדינג פאַרלענדט און אויסגעריסן מיטן שורש, האָבן זייערע פאַרבינדעטע, די טאַטערן, זיך אויפגעפירט מער „מענטשלעך״. זיי האָבן געשוינט די קרבנות, נישט ווייל זיי זיינען געווען מער הומאַניטאַר, האָבן חס געווען אויפן מענטשנ׳ס לעבן, נאָר פשוט, ווייל דער לעבעדיקער מענטש האָט פאַר זיי געהאַט אַ געלד־ווערט, מ׳האָט פאַר אים באַקומען אַ גוטן פּרייז. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז פדיון שבויים איז ביי יידן אַ גרויסע זאַך און אַז דער ווערט פון יעדן געפאַנגענעם ווערט פון יידן אָפּגעוויגן מיט געלד. האָט מען יידישע געפאַנגענע מחנות׳ווייז פון פוילן געבראַכט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סמירנא און אַנדערע פּאָרט־שטעט פון מיטל־אַזיע, ווו זיי זיינען געוואָרן אויסגעקויפט. יידן בכל תפוצות ישראל זיינען טאַקע נישט געזעסן שטיל. אומעטום, ווו ס׳זיינען דערגאַנגען די טרויעריקע שמועות פון דער קאַטאַסטראָפע, האָט מען זיך געפעדערט און גענומען אָרגאַניזירן הילף און געשאַפן פאָנדן פאַר פדיון שבויים. ספּעציעלע שליחים זיינען אַרומגעפאָרן איבער אַלע גרעסערע און קלענערע קהילות פון מערב־איראָפּע, כדי מעורר צו זיין די יידן פאַר דער גרויסער הילף־אַקציע פאַר זייערע ברידער. אַזוי למשל הערן מיר, אַז אין טיוואָרנע האָט די קהילה באַשלאָסן, אַז אַ פערטל פון איר הכנסה זאָל גיין פאַר באַפרייען פוילישע יידן פון טאַטערישע הענט. אַ טייל אַנטרונענע פון די שחיטות איז געוואָרן צעשאָטן איבער די ישובים פון מערב־איראָפּע. דער בלוט־פאַרלוסט פון יידישן פאָלק איז געווען אַ באַדייטענדיקער. די צאָל יידן נאָך די קאַטאַסטראָפע־יאָרן, שאַצן היסטאָריקער, איז געווען אַזוי קליין, ווי אין די צייטן פון די שופטים. מען רעכנט, אַז נאָך כמיעלניצקי׳ן האָבן זיך געפונען בערך אַ 650 טויזנט יידן אין איראָפּע און אַ 250 טויזנט אין דער איבעריקער וועלט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן ענדערונג אין דער געאָגראַפיע פון פאָלק.

אַלס רעזולטאַט פון די קאָזאַקישע שחיטות אין די בלוטיקע מלחמות פון מאָסקווע און שוועדן, וואָס האָבן זיך דערנאָך פאַרצויגן אויפן פוילישן



באָדן ביזן יאָר 1656, און האָבן זיך ווידער אַמאָל אויסגעצייכנט מיט גרויסע אכזריות׳ן און צעשטערונגען, איז געקומען אַ גרויסע עקאָנאָמישע ירידה פון פוילישן יידנטום. עס האָט זיך צוליב דעם אָנגעהויבן אַ שטאַרקע עמיגראַציע קיין מערב־איראָפּע, אַ דערשיינונג, וואָס איר וויכטיקייט איז נאָך עד היום נישט געוואָרן ווי געהעריק אויסגעפאָרשט.

פוילישע יידן באַווייזן זיך מיט אַמאָל אין אַזעלכע קהילות ווי למשל אַלטאָנאַ, פראַנקפורט־מיין, מעץ, אַמסטערדאַם, ווענעציע און ליוואָרנע. זיי שפּאַרן אַפילו שפּעטער אָן קיין ענגלאַנד, וווהין זיי קומען, זעט זיך אויס, אויפן וועג איבער האָלאַנד. אין דער באַקאַנטער אַלט־יידישער היסטאָריאָגראַפיע „שארית ישראל״ (פאַרעפנטלעכט פון מנחם מן אין אַמסטערדאַם אין 1743), הערן מיר וועגן דעם טרויעריקן צושטאַנד פון די אַנטרונענע פון פוילן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין גאַנצע שיפן פול קיין אַמסטערדאַם. לויט דעם מחבר, האָבן זיך די פּאָרטוגעזישע יידן און אַ ריי קריסטן איבער זיי מרחם געווען און האָבן זיי געטאָן אַ סך גוטס. די פוילישע יידן, פירט ער אויס, האָבן זיך געדונגען אַ באַזונדער צימער, ווו זיי האָבן געמאַכט אַן אייגן מנין, „ווייל זיי האָבן געוואָלט האַלטן מנהג פולין״.

ווי דאָס זאָל נישט זיין, מיר האָבן דאָ פאַר זיך בלי ספק דעם אָנהויב פון אַ גרעסערער יידישער עמיגראַציע קיין מערב־איראָפּע, וואָס האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטן געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע ראָלע אין לעבן פון די מערב־איראָפּעאישע קיבוצים. עס איז אפשר געווען די ערשטע מאַסן־באַרירונג פון מזרח־ און מערב־איראָפּע, אַן עמיגראַציע, וואָס איז לכל הפחות איכות׳דיק געווען זייער וויכטיק און האָט געהאַט אויפצווייזן אַ סך באַקאַנטע רבנים און גדולים פון פוילן, מיט וועלכע די מערב־קהילות האָבן געשם׳ט און זיך שפּעטער געגרויסט.

* * *

צווישן די יידישע מקורים־ליטעראַטור וועגן דער קאָזאַקישער מרידה, ווי די „מגילת עיפה״ פון שבתי הכהן, דער „צוק העתים״ פון מאיר פון שעברעשין און צום טייל דער דערמאָנטער „שארית ישראל״, פאַרנעמט נתן־נטע האַנאָווער׳ס „יון מצולה״ („קאָזאַקן זומפּ״) בלי ספק דעם אויבנאָן. האַנאָווער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון די שחיטות קיין איטאַליע, האָט זיין טרויעריקע כראָניק, דער סך־הכול פון די ענויים און יסורים פון די גורל׳דיקע יאָרן ת״ח ות״ט, אַרויסגעגעבן אין העבראַיש אין ווענעציע אין 1653. עס איז אינטערעסאַנט, אַז באַלד נאָך איר דערשיינען איז אַרויסגעקומען אַ געראַמטע יידישע איבערזעצונג פון „יון מצולה״ (אין 1655) און שפּעטער אויך דערשינען אין אַ נייער איבערזעצונג. אַ מאָדערנע איבערזעצונג אין יידיש איז געוואָרן געמאַכט פון א. לאַצקי־בערטאָלדי, וואָס איז צוזאַמען מיט אַ קריטיש־היסטאָרישן אַריינפיר פון יעקב שאַצקי, אַרויסגעגעבן געוואָרן פון ייוואָ אין ווילנע אין 1938 אונטער דעם טיטל „גזירות ת״ח״.

* * *

די קאַטאַסטראָפע פון פויליש־אוקראַיִנישן ייִדנטום האָט אויפגעטרייסלט די ייִדישע וועלט ביז אין אירע סאַמע תהומות. פונקט ווי היינט, איז מען אויך דעמאָלט געשטאַנען דערשיטערט און פאַרצווייפלט פנים אל פנים מיט דעם פענאָמען פון גרויסן מאַסן־שטאַבן און געפּרובט צו געפינען אַ לייזונג, צו געבן אַ תשובה אויף די ליידן. זי איז באַלד אונטערגעקומען אין דער פאָרם פון דער כיליאַסטישער משיח־באַוועגונג. אין די שווערע פּיין און יסורים פון דער צייט האָט מען נישט עפּעס אַנדערש געוואָלט זען ווי די אמת'ע חבלי גאולה. די אָקומילירטע שרעק און גרויל האָט זיך געשאַפן אַ ווענטיל אין דעם מעכטיקן גאולה־אויפברויז, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַרומגעכאַפּט די ייִדישע וועלט. די יסורים, דאָס גרויסע פאַרגיין האָבן זיך גענומען אויסלייטערן און דערגרייכט זייער קולמינאַציע־פונקט אין דער אימפּעטיקער שבתי־צבי באַוועגונג. האָט מען דאָך פּשט געלערנט, אַז די בלוטיקע ליידן זיינען נאָך אַ פּאַוזע, אַ שטאַפּל אין דעם גאולה־באַרג־אַרויף. ענויים זיינען נישט סתם צופעליקע דערשיינונגען, זיי האָבן אַ זין, זיי פירן אַרויף אַלץ העכער און העכער אויף דער לייטער פון דערהויבונג און נשמה'דיקער דערלייזונג. בעת שבתי צבי האָט זיך באַוויזן, האָט אויף די פינצטערע הימלען פון ייִדישן לעבן אויפגעבליצט די גרויסע האָפענונג פון באַפרייאונג, פון משיח'ישער גאולה. גרויסע טיילן פון פאָלק, צווישן זיי גדולי התורה און מקובלים, זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ מיסטישן עקסטאַז פון פאַרציקונג און מיט שפּאַנונג און אומרו אַרויסגעקוקט אויף דעם גרויסן נס. וואָס דאַרף קומען יעדן מאָמענט. איז דאָך לויטן זוהר אויסגעקומען, אַז דאָס סאַמע בלוטיקע יאָר ת"ח (1648), וועט זיין דאָס יאָר פון אָנהויב פון גאולה, פון משיחן. ייִדן, דורשי רשימות, האָבן אויך געזען אַ סודות'דיקע גמטריא אין דעם נאָמען חמי"ל (אַזוי האָט מען פאַרקירצט כמיעלניצקי'ס נאָמען): „חבלי משיח יביא לעולם" (די ליידן פון משיחן וועט ער ברענגען אויף דער וועלט), אַ וויכטיקע באַשטעטיקונג, אַן אסמכתא אויף די מורא'דיקע מאָס יסורים און גאולה.

אָבער ליידער זיינען דאָס מאָל די ליידן געוועזן אומזיסטע. עס איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. אָבער דער אמת'ער משיח איז נישט געקומען. די רויע, האַרטע ווירקלעכקייט איז תמיד ווייט פון דער ריינער, אידעאַלער פאָרשטעלונג, וואָס ווערט געבוירן און לעבט אין אַן אַנדערער וועלט, אין אַן עולם האצילות. שבתי צבי איז נישט געווען באַרופן צו פירן די באַפרייטע פון גלות. ער האָט נישט געהאַט קיין כוח אויסצולייזן. די צייט איז נאָך נישט געווען ראוי פאַר גאולה. אַזוי אַרום איז שבתי צבי געווען אַ פאַלשער, אַ טראַגישער משיח. די שפּעטערדיקע דורות האָבן אים אָנגערופן אַ מסית און אַ מדיח, אַ פאַרפירער און אָפּטריניקער.

* * *

היינט, נאָך דריי הונדערט יאָר שטייען מיר, נאָך אַ ביישפּיללאָזן אומקום פון ייִדישן פאָלק אין 20־טן יאָרהונדערט, פאַר אַ גרויסן ווענד־פונקט אין דער געשיכטע פון פאָלק. די מורא'דיקע חבלי לידה האָבן אין שטורעם און



דראַנג פון דער עפּאָכע געצייטיקט די געבורט פון דער ייִדישער מדינה. עס איז אַ גרויסער, אַן אימפּאָזאַנטער מאָמענט. אָבער דערווייל נאָר אַן אָנהויב. גאולה קומט נישט מיט אַמאָל, בהיסח הדעת ווי אין דער פאָלקס־מעשה. עס איז שווערער. לאַנגער פּראָצעס פון תיקון, לייטערונג, זעלבסטבאַפרייאונג און אינעווייניקסטער זאַמלונג. האָבן דאָך שוין אונזערע חכמים מיט זייער טיפן פאַרשטענדעניש פאַר היסטאָרישע פענאָמענען אין זייער אינעווייניקסטע פאַרבונדענקייט, געזאָגט: „כך היא גאולתן של ישראל. בתחילה קימעא, קימעא, כל מה שהיא הולכת, היא רבה והולכת" (ירוש. ברכות). די גאולה קומט ביסלעכווייז, זי וואַקסט מיט אירע אייגענע אויפגאַבן, מיט איר אייגענעם אימפּעט. פּאַמעלעך דערוואַקסט זי זיך און ווערט אַלץ שטאַרקער און מעכטיקער, שטייגט ווי אַ רייסנדיק וואַסער ביז זי ברעכט איין אַלע קינסטלעכע טאַמעס און פליצט איבער די ברעגעס. איר טעמפּאָ ווערט פאַרשנעלערט פּראָפּאָרציאָנעל צו אירע אינעווייניקסטע, דינאַמישע כוחות. עס איז פון אָנהויב אַ לאַנגזאַמער, אַ שווערער אָבער אַ ליכטיקער באַרג־אַרויף.

מאָריס קאַץ

## דאָס איצטיקע ייִדישע לעבן אין בעלגיען

(מיין ערשטער באַזוך נאָך דער מלחמה)

א

מען קען ליידער נישט פאַרגלייכן דאָס היינטיקע ייִדישע לעבן אין בעלגיען מיט דעם רוישיקן ייִדישן לעבן פון פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה.

ערשטנס האָט בעלגיען דאַן פאַרמאָגט אַכציק טויזנט ייִדן, און דער גרעסטער ישוב דאָרטן איז געווען אין אַנטווערפּן מיט אַן ערך פערציק טויזנט נפשות. אין אָט דער שטאָט האָט דאָס ייִדישע לעבן פּולסירט אין אַלע זיינע אָרגאַניזאַציעס, סיי רעכטע, סיי לינקע, קולטור פאַראיינען, הילפס־פאַראיינען, ביבליאָטעקן, טעגלעכע שולן, צוגאָב־שולן, קלובן, אַ טעאַטער און אַ דראַמאַטישע סטודיאָ, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און אַ פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן. ווער געדענקט נישט די גרויסע ייִדישע פאַרזאַמלונגען, וועלכע פלעגן פאָרקומען אין דעם זאַל פון דער אַנטווערפּענער דיאַמאַנטן־בערזע! און אַז עס איז אַהין געקומען אַ ספּעציעלער, אָנגעזעענער רעדנער פון אויסלאַנד, איז דעמאָלט אויך דער גרויסער זאַל פון „רובענס פּאַלאַס" מיט זיינע דריי טויזנט זיץ־ערטער שוין געווען צו קליין אַריינצונעמען דעם עולם. וואָס איז געקומען הערן דעם חשובן גאַסט.

איבערהויפּט קורץ פאַר דער מלחמה און אויך ביי איר אָנהויב, אין די יאָרן 1939־1940, בעת מיר האָבן געזען דעם חורבן פון ייִדישן לעבן אין פּוילן, זענען מיר צוגעטרעטן, מיט נאָך מער ענערגיע, צו דער אַרבעט אויף אַלע געביטן פון ייִדישן שאַפן; און ספּעציעל אויפן געביט פון ייִדישע קול־

טור. מיר האָבן עס געהאַלטן פאַר אונזער חוב, אַז די יידישע ליטעראַטור, פּרעסע, פאַרלאַג־וועזן, טעאַטער, שולן און ביבליאָטעקן, וואָס זיינען ברוטאַל צושטערט געוואָרן אין איין לאַנד, זאָלן מיט אַלע אָנשטרענגונגען ווידער אויפגעבויט ווערן אין אַ צווייט לאַנד. מיר האָבן דאַן געגרינדעט דעם „פאַרבאַנד פון יידישע שרייבער און קינסטלער", און זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו וועקן ביי די ברייטע יידישע מאַסן דעם אינטערעס צו יידישע קולטור און קונסט; מיר האָבן געזוכט צו פאַרשפּרייטן דאָס ערנסטע יידישע בוך, צו גרינדן וואָס מער ביבליאָטעקן, צו שאַפן אַ זויבער, ערנסט פאָלקס־טעאַטער, צו פירן אַן עפנטלעכע אויפקלערונג אַרבייט דורך רעפעראַטן און פאָרלעזונגען, און גרינדן וואָס מער יידיש־וועלטלעכע שולן.

וועגן אַט דעם אַלעם האָבן מיר דאַן פאַרעפנטלעכט אַ רייע אַרטיקלען אין דער אַנטווערפּענער און בריסעלער פּרעסע, און איך האָב אין אַן אַרטיקל געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אַז אַלע שוין עקזיסטירנדיקע יידיש־וועלטלעכע שולן זאָלן פאַראייניקט ווערן אין איין שול־אָרגאַניזאַציע מיט אַ פעסט־געזעצטן פּראָגראַם פאַר אַלע אָנגעשלאָסענע שולן (זע „אונזער ישוב", 26־טער יאַנואַר, 1940), ווייל אַזאַ פאַרשטאַרקטע שול־אָרגאַניזאַציע וואָלט געקענט באַקומען גרעסערע סובסידיעס פון די קהלות און אַנדערע אינסטיטוציעס, כדי צו עפענען וואָס מער לערן־אַנשטאַלטן. עס האָט זיך דעמלט געהאַנדלט וועגן גרינדן נאָך אַ יידיש־העברעאיש צוגאָב־שול אין גיטשכאַטל, אַ פאָרשטאָט פון אַנטווערפּן.

בכלל איז עס געווען אַ צייט, ווען דאָס יידישע קולטור־לעבן אין בעלגיען האָט געהאַלטן אין בליען.

מיר האָבן צו באַקומען אמתע יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט געהאַט דעם ווילן צו שטיין מיט אונז אין דער ריי און העלפן ווייטער אַנטוויקלען און פאַרשטאַרקן אונזער גרויסן קולטור־בנין אין בעלגיען..

דאָס אַלץ איז אָבער לײדער צושטערט געוואָרן דורך די נאַציס בשעת דער אינוואַזיע אין מאַי, 1940.

ב

איצט, אַכט יאָר שפּעטער, בין איך געפאָרן באַזוכן בעלגיע. פון דעם ערשטן טאָג אָן האָב איך גענומען אַרומזוכן די שארית־הפליטה, די קאָמיטעט־מיטגלידער, מיט וועלכע איך האָב מיטגעאַרבייט אין „ייוו"א", „פאָלקס־קלוב", „פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן", „קונסט־ווינקל", „איקוף", „יידישע צוגאָב־שולן", „יידיש־העברעאישע פאָלקס־שול", א.אז.וו.

בלויז געציילטע פון זיי זיינען געבליבן.

איך האָב מיך באַגעגנט מיט צוויי קאָמיטעט מיטגלידער פון דער „יידיש־העברעאישער פאָלקס־שול", די הערן מאַרינגער און הערצאַג. בלויז אויסצוהערן פון די שבעה מדורי גיהנום, וואָס זיי האָבן געהאַט אַדורכצוגיין, איז גענוג, אַז מען זאָל פון זינען אַראָפּ. איך האָב מיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף פריינט און באַקאַנטע — איין ענטפער: זיי זיינען נישטאָ...



נישטאָ אַפילו די קינדער פון דער שולע, די האַרציקע, טייערע יידישע קינדערלעך מיט זייערע פריילעכע פנימלעך, מיט זייערע פינקלענדיקע אייגעלעך.

אַלץ זיינען מיר דאָך געווען גרייט אויסצוגעבן פאַר זייערטוועגן. מיר פלעגן דאָך שעפּן פון זיי אַזויפיל נחת! געמאַכט מיט זיי פאַרשידענע אויספלוגן, געשיקט זיי אויף פרישער לופט און באַגלייט צו דער באַן מיט באָמבאָניערקעס אין די הענט. זייער פרייד איז דאָך געווען אונזער פרייד. גאַנצע פּיעסן פלעגן זיי פאַר אונז אויסשפּילן; ספּעציעל געשריבענע פון דעם דיכטער־דראַמאַטורג דר. י. ב. צפור, וועלכער איז אַליין געווען דער פּעדאַגאָגישער לייטער פון אַט דער יידיש־העברעאישער צוגאָב־שול. וואו זיינען זיי אַלע?



ד"ר י. ב. צפור (רעכטס) (לינקס) מאָריס קאַץ

איך בין צוגעגאַנגען צום הויז פון דער יידיש־העברעאישער פאָלקס־שול אויף בעלגעליי 99: איך בין צוגעגאַנגען צום הויז, וואו איך האָב געוואוינט, אויף פלאַנטען מאַרעטיס ליי 45: געשטאַנען אין דרויסן פאַרטראַכט: אַט דאָ פלעגן מיר דאָך אָפּהאַלטן אונזערע זיצונגען, דאָ איז דאָך געווען דער סעקרעטאַריאַט פון דער שולע, דאָ פלעגן דאָך קומען די טאַטעס, מאַמעס, צוזאַמען מיט זייערע קינדערלעך, זיי איינצושרייבן צום נייעם שול־יאָר; דאָ פלעגן קומען די מאַמעס און זיך בעטן, אַז זייערס אַ קינד זאָל נישט פאַרשעמט ווערן בעת אַ שול־יום־טוב, עס זאָל אויך עפּעס דעקלאַמירן, רעציטירן

אויף דער פיערונג; דאָ פלעג איך דאָך אָפט פאַרברענגען צוזאַמען מיטן דר. י. ב. צפור און ביניש זילבערשטיין ווי אויך מיט אַנדערע פריינט ביי פאַרשידענע קולטורעלע אַרבייטן!

מיין טראַכטן איז אָבער איבערגעריסן געוואָרן דורך די גויאישע פנימער, וועלכע האָבן געעפנט די פענסטער פון הויז און געפרעגט: „וועמען זוכט איר דאָ?“

„דעם נעכטיקן טאָג!“ — האָב איך זיי ביזלעך געענטפערט. יאָ, דעם נעכטיקן טאָג... און מיט ווייטאָג אין האַרצן האָב איך ווידער געשפּרייזט איבער די אַנטוואָרפענער גאַסן, רעדנדיק צו זיך: „נישטאָ מער, נישטאָ די קינדער, נישטאָ די טאַטעס, נישטאָ די מאַמעס, נישטאָ די פריינט, נישטאָ די צוויי פען־חברים, דער דיכטער־דראַמאַטורג דר. י. ב. צפור, וועלכער האָט זיינע דראַמעס געשריבן ווי פּאָעמעס אין פּראָזע, וואָס גאַנצע קאַפּיטלעך לייענען זיך ווי פּראַכטיקע לידער. וויפיל דיכטער־דראַמאַטורגן מיט אַזויפיל טאַלאַנט און מיט אַזויפיל קולטור פאַרמאָגן מיר דאָס, בכלל? נישטאָ מער דער מחבר פון „ביי די טויערן“, „די שכינה אין גלות“, „בבל“, „אַ חלום אין אַ ווינטער־נאַכט“, „אויפשטאַנד“ און אַנדערע.

נישטאָ מער דער יונגער פאָלקס־דיכטער ביניש זילבערשטיין, מחבר פון אַזויפיל לידער, פּאָעמעס, נאָוועלן, וועלכער האָט זיך ספּעציעל קונה שם געווען מיט זיין ראָמאַן „ברויט“ און מיט די דראַמעס „פּראַצענטניקעס“ און „ברוך שולמאַן“. דאָס גאַנצע לעבן לאַנג איז ער דאָך געווען דער מאַרטירער פאַרן יידישן וואָרט. וויפיל מי און מאַטער האָט ער נישט אַוועקגעגעבן, כדי בעלגיען זאָל האָבן אַן ערנסטע יידישע צייטונג — „די בעלגישע בלעטער“.

אַפילו בשעת דער מלחמה, אונטער דעם נאַצישן שטיוול איז ביניש זילבערשטיין נישט אָפּגעשטאַנען פון זיין אַרבייט. נאָר געשאַפן פיל, זער פיל. איך האָב געזען זיינע כתבים. זיי זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אַ דאַנק זיין חשובער פרוי, וועלכע איז אַליין, על פי נס, ניצול געוואָרן פון די נאַצישע מערדערס הענט.

איצט באַמיט זיך ביניש זילבערשטיינס פרוי צו פאַרעפנטלעכן כאָטש אַ טייל פון זיינע שאַפונגען, און עס איז אונזער אַלעמענס הייליקער חוב דאָס איר צו דערמעגלעכן!

אין זיינע נייע לידער בשעת דער מלחמה האָט ביניש זילבערשטיין אויסגעדיכטעט דעם פאַרביטערטן צער און צאָרן פון אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע זיינען אומגעקומען אינם נאַצישן גיהנום.

ווי באַקאַנט, איז ער זיין גאַנץ לעבן געווען פול מיט פּראָטעסט און קאַמף קעגן אומגערעכטיקייט, און אונטער די נאַצים האָט ער אַליין געמוזט פאַרזוכן דעם ביטערן טעם פון אונמענטשלעכער גרויזאַמקייט און אכזריות. דערפאַר טאַקע זיינען זיינע לעצטע שאַפונגען אַזעלכע אויסגעמייסטערטע שעדעווערן.

אויך דר. י. ב. צפור האָט געהאַט ביי זיך אַ סך נייע חבורים. אַזוי האָבן



מיר פריינט דערציילט, מיט וועלכע ער האָט זיך בּאַראַטן וואָס מיט די דאָזיקע צו טון, זיין לעבן, האָט ער געזאָגט, אינטערעסירט אים נישט; אַלעמענס גורל וועט אויך זיין זיין גורל, אָבער זיינע מאַנוסקריפּטן וויל ער אָפּראַטעווען.

זיי האָבן אים טאַקע געראָטן צו באַגראָבן די מאַנוסקריפּטן ביי זיך אויפן הויף. (ער האָט געוואוינט אין ברוסל זינט 1938) איצט איז עס די פליכט פונם בעלגישן ישוב צו טון אַלדאָס מעגלעכע אויפצוגראָבן דעם הויף, כדי אָפּצוראַטעווען די כתבים און זיי צו פאַרעפנטלעכן.

איך האָף, אַז יידן אומעטום וועלן דאָס אונטערשטיצן, ווייל אָט די צוויי קדושים, דר. י. ב. צפור און ביניש זילבערשטיין, האָבן זייער גאַנץ לעבן געקעמפט פאַרן יידישן וואָרט, פאַרן יידישן כבוד.

לאָמיר פאַראייביקן זייער אָנדענק.

ג

ווי זעט אויס דער איצטיקער קולטור־מצב אין בעלגיען?

נאָך אַן איבעררייס פון צוויי וואָכן, בעת וועלכע איך האָב אַריינגעאָטעמט אין מיר די דאָרטיקע ים־לופט, בין איך צוריקגעקומען קיין אַנטווערפּן און זיך געשטעלט אָט די פראַגע.

אין אַנטווערפּן געפינען זיך איצט ביי אַ צען טויזנט יידן, כן ירבו. פון די פערציק טויזנט פון אַמאָל, זענען אינגאַנצן לעבן געבליבן אַן ערך דריי טויזנט; די רעשט זיינען צוגערייזטע, מערסטנס פון דער טשעכאָסלאָוואַקיי און אונגאַרן. די ביידע קהלות פון אַמאָל עקזיסטירן און אַרבעטן צוזאַמען אונטערן פאָרזיץ פון די הערן ה. שאַמיסאַ און י. ראָטענבערג. אויך די צוויי טעגלעכע שולן, תחכמוני און יסודי־התורה, עקזיסטירן ווייטער. עס לערנען זיך אין זיי איבער טויזנט קינדער. אַ חוץ דעם, זענען אויך פאַראַן ישיבות און בתי מדרשים. עס עקזיסטירן אויך אַלע אָרגאַניזאַציעס פון אַמאָל, ווי אגודת־ציון, פועלי־ציון רעכטע, פועלי־ציון לינקע, האַנטווערקער־פאַרבאַנד, שלום־עליכם ביבליאָטעק און פאַרשידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס; אָבער אין אַ טל־ומטר׳דיקן פאַרנעם. די שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע איז די אגודת־ציון. זי איז אויך די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס אָרדנט איין יעדע וואָך געזעלשאַפטלעכע אָדער ליטעראַרישע פאַראַנשטאַלטונגען.

אויפן געביט פון קעגנזייטיקער הילף עקזיסטירט אַ קאָאָפּעראַטיווע לייַקאַסע און אַ געזעלשאַפט, וואָס רופט זיך „היסא“, און וועלכע גיין אַן מיט אַ גוט אויסגעשפּרייטער הילפס־טעטיקייט. אין אָט דער געזעלשאַפט געפינען זיך אָפּטיילונגען צו העלפן יידישע מלחמה־געליטענע, בקור־חולים, קיך און אונטערשטיצונג פאַר דורכרייזנדע און אויך אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר קינדער. לשבח מוז מען דערמאָנען די לייסטונגען פון דעם חשובן פאָרזיצער פון אָט דער געזעלשאַפט, הערר ה. שאַמיסאַ.

אַ ברייטע טעטיקייט פירט אויך דער „אָרט“.

אינטערעסאַנט איז, אַז נאָך היינט צו טאָג קומט אויס צו פירן אַ שווערן

קאמף ביים אפראטעווען יידישע קינדער, וואס געפינען זיך אין נישט יידישע היימען. בעת מיין באגעגענען זיך מיטן פארזיצער פון די רעכטע פועלי־ציון, הער שפינגארן, האט ער מיר געוויזן א קאפיע פון א געריכטס־אורטייל אין שייכות מיט צוויי יידישע קינדער. דער ריכטער דערקלערט, אז לויטן אנגענומענעם געזעץ, פאראגראף דער און דער, דארפן די קינדער ארויסגעגעבן ווערן צו די יידן. אבער אזויווי די קינדער זענען געבוירן געווארן אין בעלגיען און דארפן דערצויגן ווערן אלס גוטע בעלגישע בירגער — די יידן וועלן דאך בלי ספק זיי דערציען אין גייסט פון ארץ ישראל און אפשר גאר זיי שיקן קיין ארץ ישראל — זאלן די קינדער דערפאר בלייבן דארטן, וואו זיי האבן זיך געפונען ביז איצט...

אמת, הער שפינגארן האט מיר דערקלערט, אז דאס איז נאך נישט די לעצטע אינסטאנץ, מען וועט נאך אפעלירן, כדי די קינדער דאך ארויסצובאקומען, אבער עס קומט נישט אן אזוי לייכט.

איך האב אויך באגעגענט דעם פארזיצער פון תחכמוני, הערר כהן און דעם פארזיצער פון די לינקע פועלי־ציון, הערר זיידמאן, ווי אויך פארשטייער פון אנדערע, פארשידענע ארגאניזאציעס. פון אונזערע שמועסן איז מיר קלאר געווארן, אז נישט געקוקט וואס אלע ארגאניזאציעס עקזיסטירן, הערשט דאך א שטילקייט אויפן געביט פון יידישן קולטור־לעבן.

איך האב אויך באזוכט בריסל. דא איז שוין דאס לעבן פיל רוישיקער און אימפולסיווער, כמעט ווי אמאל; ווייל די צוואנציק טויזנט יידן, וועלכע געפינען זיך איצט אין בריסל, זיינען ס׳רוב פונם אלטן בעלגיש־יידישן ישוב. פיל פון אנטווערפן האבן זיך אויך געראטעוועט א דאנק דער בריסעלער נישט יידישער באפעלקערונג און אזוי ארום שוין געבליבן וואוינען אין אט דער שטאט.

צום סוף וויל איך דערביי דערמאנען, אז איך האב דראט באגעגענט מיינעם א פריינט, דעם בריסעלער קולטור טוער, דענטיסט י. גאלד. ער האט מיר איבערגעגעבן אט די פאטאגראפיע (אויף זייטל 55), וועלכע האט זיך ביי אים גראד געפונען. ווי טרויעריק איז דאס, וואס פון די אלע וועלכע איר זעט אויף אט דעם בילד, בין איך דער איינציקער צווישן די לעבעדיקע.

אבער א גענויען באריכט איבער בריסל ביי א צווייטער געלעגנהייט.


„ירושלים" פון א. נ. שטענצל

א בוך פון איבער 140 זייטן — לידער, פאעמעס, באלאדעס

פרייז: 7/6

צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען




## אליהו פאלושאק

# בערלין — מאסקווע — ירושלים

(המשך 3)

בערלין, בערלין!...

זייט עטלעכע חדשים שרייען אראפ מיט גרויסע אותיות פון אלע ארגאנען אין דער וועלט פרעסע די ווערטער: בערלין און מאסקווע, מער פוןביידע בערלין. און עס דערמאנען זיך די צייטן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען וויליאם דזשאיס (מיט זיין צונאמען לארד האו־האו) פלעגט רעדן אויפן בערלינער ראדיא צו די ענגליש־רעדנדיקע פעלקער: „דזשערמאני קאלינג! דזשערמאני קאלינג!"

„דזשערמאני קאלינג!" בערלין איז ווידער געווארן דער צענטראל־פונקט פון דער אייראפייאישער פאליטיק. א בראך צו זייערע יארן! עס איז ערשט דריי יאר נאכן סוף פונם מאסן־מארד און שחיטות. די חורבות זיינען נאך חורבות, די וואונדן זיינען נאך נישט פארהיילט, הונדערט־טויזנטער און אפשר מיליאנען זיינען היימלאז, פארוואגלט און פארוואגעלט, מיליאנען מענטשן פארברענט און פארטיליקט אין קרעמאטאריעס און קאלעך־אויוונס. די רוצחים אלס יחידים און קאלעקטיוו האבן נאך קיין חרטה נישט ארויסגעוויזן, קיין תשובה נישט געטון און די קריסטלעך־ציוויליזירטע וועלט וויל אלץ פארגעסן, אפווישן, ווי ס׳וואלט גארנישט בייזעס געשייען.

„דזשערמאני קאלינג!" בערלין, בערלין. דער נאמען פון דער ראזיקער הור גרילצט אונז אין די אויערן. טעלעגראפן־אגענטורן, צייטונגס־רעדאקטארן און לייט־ארטיקל־שרייבער אין די מערב־לענדער — אלע ווילן זיי אונז איינרעדן, אז אין בערלין ליגט דער שליסל פונם אייראפייאישן שלום, און טאמער זאל חלילה מאסקווע נישט נאכגעבן און ווייטער בלאקירן דעם מערב־סעקטאר פון בערלין, איז דער גאנצער אייראפייאישער מערב אין סכנה, און א מלחמה איז אומפארמידלעך.

די וועלט איז אנגעפילט מיט צופיל ליידנשאפט. היסטעריע דאמינירט די שעה פונם טאג. עס זעט אויס אז עס איז נישטא דער רופא מיטן קלארן בליק, וואס זאל קענען די פון היסטעריע פארכאפטע וועלט היילן. און אזוי ווי כמעט די גאנצע פרעסע איז אויך פארכאפט פון דער דאזיקער היסטעריע, איז קוים דא א דאקטאר, א פאליטישער רופא. וואס זאל שטעלן א קלארע שכלדיקע דיאגנאזע און ווייזן א וועג פון היילונג אן א כירורגישן איינשנים.

און אין געוויסע קרייזן רעדט מען אזוי פשוט פראסט וועגן א מלחמה, ווי ס׳וואלט זיך געהאנדלט וועגן עפעס אן עקסקורסיע אין א שיינעם זונטיק פרימארגן.

אינם מיטלפונקט פון די אלע שמועסן שטייט בערלין, נעכטן ערשט די הויפשטאט פונם גרעסטן שונא. עס קען קיין גוטס נישט דערפון ארויסקומען.

מאַנכע, וואָס זיינען נישט אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון דער לײַדנשאַפטלעכער היסטעריע, נאָר באַהערשט פון באַשטימטע פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, זיינען גענייגט צו מאַכן פאַרגלייכן אויפצושטעלן טעאָריעס און פּאָליטישע פּאַראַלעלעס. אויך זייער צוגאַנג קען זיין אַ געפאַר פאַר דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער סאַנירונג פון דער וועלט און פאַר דעם אָנהאַלטן פון שלום.

נאָך פריש אין זכרון זיינען אונז די טעאָריעס פונם אויפגעבלאָזענעם מוסאָלינישן פאַשיזם מיט 25 יאָר צוריק וועגן דער גרויסער „מיסיע“ פון די „נעאָ־ראָמאַנער“ אַרום די שטחים פונם מיטל־לענדישן ים (ים התיכון) אויף פּאָליטישן, קולטורעלן און קאָלאָניזאַטאָרישן געביט; אַז די היינטיקע איטאַליענער זיינען די באַגלייביקטע יורשים פונם אַמאָליקן אַנטיקן רוימישן אימפּעריום, וואָס האָט זיך געצויגן פונם אפרת אין פאָדער־אַזיע ביז צו די ברעגעס פון דער טעמזע, און פון די נידער־זאַקסישע פּראָווינצן אין וועסטפאַלן ביז טיף אין די מדבריות פון דער סאַהאַראַ; אַז די לאַטייניש פעלקער אַרום דעם מיטל־לענדישן ים זיינען קולטור־שאַפעריש און די אייגנטלעכע בויער פון דער היינטיקער אייראָפּעיִשער וועלט־קולטור, און אַז דאָס איטאַליענישע פאָלק איז די עליטע פון די לאַטיינישע פעלקער, וואָס וועט אויסבויען זיין מאַכט אַרום דעם ים התיכון, יענעם גרויסן ים־בעקן, וואו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָס לעבן פון דער ציוויליזירטער וועלט פון דריי ערד־טיילן אידער דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, אַט דעם ים התיכון, וואָס די איטאַליענער האָבן אָנגעהויבן צו רופן: מאַרע נאָסטראַ, — אונזער ים.

מיר האָבן נאָך נישט פאַרגעסן די כמעט „קאַנאָניזירטע“ טעאָריעס פון דעם נייעם פּאַן־גערמאַניזם, אַז נאָר די נאָרדישע פעלקער זיינען קולטור־שאַפעריש. די וויקינגער זיינען די פּיאָנירן פון דער וועלט־שיף־קאָמוניקאַציע. די פעניצער אין דער לעוואַנטע זיינען געווען גערמאַנער. דיכטונג, פילאָזאָפיע און סקולפּטור אינם אַנטיקן אַטהען און אינם גאַנצן יאָנישן גריכלאַנד איז געווען דאָס קולטור־ווערק פון גערמאַנישע שבטים. די שאַפונג און אַנטשטייאונג פונם גרויסן רוימישן אימפּעריום איז נאָר מעגלעך געווען מיט דער הילף פון גערמאַנישע שבטים. און אַז די גרויסע קאַמפן צווישן פּאַטריציער און פּלעבייער אינם אַנטיקן רוים זיינען באמת גאָרנישט געווען קיין קלאַסן־מחלוקות צווישן פּריווילעגירטע אַריסטאָקראַטן און דער רעכטלאָזער פאָלקסמאַסע, נאָר אַ קאַמף פון אַ העכערער ראַסע קעגן אַ נידריקער. מען איז נאָך ווייטער געגאַנגען. מען האָט אויסגעטראַכט אַ סברה, און זי היסטאָריש „באַגרינדעט און באַוויזן“, אַז די גלילים (די גאַלילייער) זיינען געווען אַן אַרישער שבט, און אַז ישו פון נצרת, דער „ריין־אַריער“ מיט בלאָנדע האָר און באָרד, האָט געפירט אַ קאַמף קעגן די פאַרדאָרבנקייט פון דער יידישער ראַסע אין זיין צייט.

מיר זעען, אַז ווען מען וויל עפּעס אויפטון, שאַפט מען אַ סברה, און פון דער סברה — אַ „טעאָריע“. אַזוי איז עס געווען מיט די סברות אין דער



צייט פון די אַלגעמיינע וואַלן (אין אַפּריל 1948) אין איטאַליע. די גאַנצע מערב־דעמאָקראַטישע פּרעסע האָט ווי איין מאַן געבלאָזן אין פאַנפאַרן: דער שלום פון דער וועלט העגנט אָפּ פונם רעזולטאַט פון די דאָזיקע וואַלן. טאָמער זיגט חלילה וחס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי מיט די לינקע נעני־סאָציאַליסטן, מוז אויסברעכן אַ מלחמה. דער פּויבסט מיט דער הילף פונם קאַטולישן קלערוס האָט געסטראַשעט צו עקסקאָמוניצירן גאַנצע קאָנגרעגאַציעס, ווען זיי וועלן שטימען לינקס. אַמעריקע האָט געסטראַשעט מיט דער בייטש און דעם צוקערל: וועסטו זיין אַ גוט יונגל, וועסטו באַקומען די מיליאַנען דאָלאַרס פון מאַרשאַל־הילף, ווען נישט, — קענסטו אונזער כח וכו׳... וועט איזאָלאַציע, הונגער און נויט הערשן אין איטאַליע.

זאָלן אמתע דעמאָקראַטן זאָגן, אַז אין איטאַליע זיינען פאָרגעקומען פרייע און נישט־באַאיינפלוסטע וואַלן! אונטער דעם דרוק פונם פּויבסט און וואַשינגטאָן האָבן באַקומען אַ מערהייט די קאַטאָליקן (קריסטלעכע דעמאָקראַטן) און די געמעסיקטע אַרבעטער־פּאַרטיי. צו אַ מלחמה איז עס, ברוך השם נישט געקומען (און עס וואָלט אויך דערצו נישט געקומען, ווען די דערמאָנטע פּאַרטייען וואָלטן נישט געזיגט), אָבער אינם בירגערלעך־רעגירטן איטאַליע מיט דער גאַנצער פריינשאַפט פון לאָנדאָן און וואַשינגטאָן און די קלינגענדיק מיליאָנען פון מאַרשאַל־אייד הערשט אַרבעטסלאָזיקייט. עלענט און נויט (2½ מיליאָנען מענטשן זיינען אָן אַרבעט אין איטאַליע).

אין דער זעלבער צייט פונם איטאַליענישן וואַל־קאַמף האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרברייטונגען פון דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט צו עוואַקואירן ארץ־ישׂראל. היינט ווייסן מיר, וואָס זייערע כוונות זיינען געווען. לינקע פּאַרטיי־בלעטער, וואָס שטייען נאָענט צו דער היינטיקער ענגלישער רעגירונג, ווי „ניו סטייטסמען און ניישאָן“ און דאָס זונטיק בלאַט פון די קאָ־אָפּעראַטיוון, די „ריינאָלד ניוס“ רעדן אָפן און בולט, אַז די חכמים ראַטגעבער פונם פאָריין אָפיס האָבן געגלייבט, אַז ווען זיי וועלן אַרויסציען די בריטישע טרופּען פון פּאַלעסטינע, וועלן אַבדולאַה׳ס אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון בריטישע אָפיצירן און די מחנות פון די אַנדערע זעקס אַראַבישע לענדער די יידן „אַריינטרייבן אין ים אַריין“. „פּאַקטיש האָבן די דאָזיקע צוריקגעשטאַנענע און שלעכט רעגירטע מלוכות אונטער זייערע קאָרומפּירטע פעאָדאַלע הערשערס באַוויזן צו זיין אָן ממשות פונם מיליטערישן שטאַנדפּונקט. נאָר די אַראַבישע לעגיאָן, אונטער אירע בריטישע אָפיצירן, האָט גוט געקעמפט.“

„די יידן, כאָטש זיי זיינען געווען ביים אָנהייב זייער אָרעם באַוואָפנט, האָבן באַוויזן, אַז אינטעליגענץ און גלויבן אין אַן אידיי קען שאַפן גוטע זעלנער.“ (ציטאַטן פון „לאָמיר אָנהייבן פון אָנהייב אין פּאַלעסטינע“ פון ה. ג. ברייספאָרד אין „ריינאָלד ניוס“ זונטיק 19.9.1948).

מיר ווייסן, וואָס זייערע כוונות זיינען געווען, און מען קען נישט זאָגן, אַז זיי זיינען געווען מענטשלעך, עטיש און הומאַניטאַר. די מאַנדאַט־מאַכט האָט געוואוסט, אַז נאָך זייער מיליטערישער עוואַקואַציע וועלן די אַראַבישע

פעלקער קומען צו אַן אָפענעם קאָנפליקט און מלחמה מיטן יידישן ישוב. ווען דער אַראַבישער צד זיגן, מילא דאַן וועט די ענגלישע פּאָזיציע אינם דאָזיקן ווינקל פונם נאָענטן מזרח זיין געזיכערט. טאָמער נישט, קען זיין, אַז די וועלט וועט וועלן פאַרמיידן אַ גרויסן קאָנפליקט און וועט בעטן ענגלאַנד צו זיין דער „רודף שלומניק" אָדער שאַפן אָרדנונג.

די פּרעסע־קאַמפּאַניע איז געווען און איז נאָך ביז איצטער די ענלעכע ווי ביי די איטאַליענישע וואַלן: אַז פון דער אַנטוויקלונג און די געשייענישן אין ארץ ישראל איז אָפּהענגיק דער שלום פון דער וועלט.

איצטער איז צוגעקומען די פראַגע פון דייטשלאַנד, דאָס וועלן שאַפן אַ דייטשע צענטראַל־רעגירונג אין די מערב־טיילן פון דייטשלאַנד, וואָס זיינען באַזעצט פון גרויס־בריטאַניע, אַמעריקע און פראַנקרייך. דער טראַנספּאָרט־און וואַלוטע־קאָנפליקט פון טריזאָניע און בערלין. כמעט די גאַנצע וועלט־פּרעסע פון די דעמאָקראַטיעס האַלט אין איין שרייען: בערלין, בערלין, בער־לין! פון דער אַנטוויקלונג אין בערלין הענגט אָפּ דער שלום פון דער וועלט. און טאָמער וועט רוסלאַנד נישט נאָכגעבן אין דער טראַנספּאָרט־פאַרוואַרגונגס־און וואַלוטאַ־פראַגע פון מערב־דייטשלאַנד און בערלין, איז אַ מלחמה אומ־פאַרמיידלעך.

אין דער דאָזיקע היסטעריקע ווייבן זיי אַלע באַטייליקט, אפילו אַ גרויסער טייל פון דער יידיש־סאָציאַליסטישער און בירגערלעכער פּרעסע. אַ טייל פון זיי פאַרסלינגעוועט זיך אַזוי שטאַרק אַז דער גאַנווער רינט זיי איבער דער באָרד אָדער גאַמבע אַראָפּ אויף דעם פיין־צו געשניטענעם אַנצוג. עס קומט אויס, ווי עס וואָלט געהערשט אַ גייסטיק אָרמקייט אין דער דאָזיקער פּרעסע אויסצופילן געדרוקטע קאָלאָנעס. מען לעבט פונם נעגאַטיוון, מיט דעם וואָס מען האַלט אין איין זידלען, וואָס עס קומט פאָר אויף יענער זייט פון דער עלבע און מ'פאַרשטייט נישט, אַז דאָס מיטשרייען מיט דעם אַלגעמיינעם היס־טערישן כאָרוס איבער בערלין, באַליידיקן מיר אונזער היינט און נעכטן און די מיליאָנען קדושים, קרבנות פונם נאַציסטישן פאַשיזם.

עס פּאַסט גוט פאַר גענעראַל פולער, דעם גרויסן מיליטער־קריטיקער פון דער „דיילי מייל" צו דערמאָנען, אַז מיט 700 יאָר צוריק איז דזשינגיז־כאַן מיט זיינע מאָנגאָלישע האָרדעס באַפאַלן אייראָפּע ביז אַריין נאָך פוילן און אונגאַרן, און היינט 700 יאָר שפּעטער געשעט דאָס זעלביקע. די אייראָ־פּייאיש־קריסטלעכע פעלקער מוזן היינט טון, ווי נעכטן און קאָנסאָלידירט צוריקשלאָגן דעם שונא. דאָס איז זיין שיטה, די שיטה פון דעם קאָנסערוואַ־טיזם אַנצוהאַלטן דעם סטאַטוס־קוואָ אויף פּאָליטישן און עקאָנאָמיש־סאָציאַלן געביט אין גאַנץ אייראָפּע און אין גאַנצער וועלט אפילו מיט דער הילף פונם גרעסטן שונא פון נעכטן.

עס זעט אויס, אַלס אויב אָסוואַלד ספּענגלער, דער טעאָרעטיקער פונם „פּרייסישן סאָציאַליזם" און פריידיקער פון דער ווייסער רעוואָלוציע (די רע־וואָלוציע פון די ווייסע פעלקער קעגן דעם אויפשטייגן פון די אַזיאַטישע און



אַנדערע פאַרביקע פעלקער) איז געוואָרן דער זיגער פונם היינטיקן טאָג. פאַר אים איז מאָסקווע געווען אַזיע, אַזוי איז עס אויך און ווערט אויסגעטייטשט פון אַ גרויסן טייל פּאָליטיקאַנער און מיליטער־סטראַטעגיסטן, פאַר וועמען אַ נייע פּריש־פריילעכע וועלט־מלחמה איז עפּעס אַ שפּאַצירגאַנג אין אַ נייער צוקונפט.

און לאָמיר אַלס יידן קלאָר באַטאָנען אַז מיר האָבן מיט אַלע די סברות, טעאָריעס און קאָמבינאַציעס גאָרנישט צו טון, ווייל די דערמאָנטע סברות, קאָמבינאַציעס און געשאַפענע „קאָנאָניזירטע" טעאָריעס, אַז אין בערלין ליגט דער שליסל פונם שלום און דער מערב־אייראָפּייאישער קולטור און ציוויליזאַציע, איז אַ גרויסער ליגן שוין דערפאַר, ווייל ערשט נעכטן איז בערלין געווען דער צענטער פון די צושטערער פון דער „קריסטלעך־אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע", און ערשט די „אַזיאַטישע האָרדעס" פון מאָסקווע, טולא און טורקעסטאַן מיט דער הילף פון די אַליאירטע טרופּן האָבן אויסגערייכערט דאָס געווירסנלאָזע רויבער־נעסט פון היטלער, הימלער, געבעלס און גענאָסן.

סיסטעמאַטיש און לאַנגזאַם האָבן געוויסע קרייזן געאַרבעט און אַרבעטן פאַר דער פולער רעהאַביליטירונג פונם דייטשן פאָלק. דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די בריטישע טרופּן אין דייטשלאַנד, סער בריאַן ראָבערטסאָן האָט מיט חדשים צוריק דערקלערט, אַז דאָס דייטשע פאָלק איז אַ ציוויליזירט און קריסטלעך פאָלק, און עס זיינען נישטאָ קיין שום מניעות נישט צו האָבן קיין באַציאונגען צו זיי. קיינמאָל אין זייער לעבן, זיינען דייטשן נישט געווען אַזוי פּאָפּולער און באַליבט אין ענגלאַנד און אַמעריקע, ווי איצטער. עס איז קלאָר, אַז דאָס וועט קיינמאָל נישט דינען דעם שלום, נאָר להיפּוך, זייענדיק פאַר־ביטערט וועגן די גרויסע מפּלות אין דער לעצטער מלחמה, וועלן זיי מיט אָפענע אָרעמס אויפנעמען יעדן איינעם אַלס שותּף, וואָס וועט זיי צוזאָגן ווידער־אויפבוי און רעסטאַוראַציע פון אַ צענטראַלן דייטשלאַנד, אפילו אויף די געפאַר פון אַ מלחמה מיט רוסלאַנד און זיינע סאַטעליטן.

די זאַך האָט אויך שוין באַקומען זיין נאָמען: מען שמועסט פונם דייטשן רעוויזיאָניזם. און דייטשער רעוויזיאָניזם הייסט: צוריקבאַקומען אָדער מיט געוואַלט צוריקנעמען די דייטשע מזרח־פּראָווינצן, וואָס זיינען איצטער איינגע־קערפּערט אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע. לאַנגזאַם און סיסטעמאַטיש וועט זייער אַפּעטיט וואַקסן, ווי נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס דייטשע פאָלק גלייב אינם כח פון אַ מלחמה; היינט קען מען פאַרשפּילן, און מאָרגן קען מען געווינען. עס ווינקן און שמייכלען צו זיי נייע בונדעס־גענאָסן: דאָס גרויסע דעמאָקראַטישע און רייכע אַמעריקע און דאָס באַרימט טראַדיציאָנעלע גרויס־בריטאַניע.

אַטילא גורט ווידער אָן זיינע לענדן צו אַ נייעם קאַמף.

(המשך קומט)

## א. וואַטערמאַן

### קאָנפֿערענץ און קאָנגרעס

דער ח׳ א. נ. שטענצל אין זיין אַרטיקל אונטער דעם איבערמאַנטן נאָמען אין דעם אויגוסט העפֿטל „לשון און לעבן" באַקלאָגט זיך וועגן אַ צוריקגעקומענעם פֿון די איראָפּעאישע יידישע קולטור קאָנפֿערענץ וואָס האָט אים געמאַכט די ניט שיינע באַמערקונג פֿון „וועלן זיצן מיט איין הינטן אויף 2 בענקלעך". ערלויבט מיר קודם כל זאָגן, אַז אני הוא ולא אחר. צו די באַמערקונג איז אַ שיינע אָדער ניט איז אפשר ניט אַזוי וויכטיק, ווייל פֿון ווען אָן שרעקט זיך אונזער שטענצל פֿאַר ניט שיינע באַמערקונגען? און אפשר איז שוין צייט צו רעדן אָפֿן אנשטאָט די „קוצעניו מוצעניו" שפּראַך. וועגן מיין שטעלונג צום אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָב איך גאַנץ קלאָר געמאַכט ביי אַ געלעגנהייט וואָס „די פֿריינט פֿון יידישן לשון" האָבן מיר געגעבן מיט אַ 6 וואָכן צוריק. איך האָב דאַמאָלסט קלאָר געזאָגט, אַז דאָס איז ניט קיין „קולטור קאָנגרעס" דאָס איז אַ פּאַרזוך אַריינצופֿירן „מאַרשאַל פּאָליטיק" אויפֿן געביט פֿון יידישע קולטור. מיין אַנוועזנהייט אין פּאַריז אויפֿן קולטור קאָנפֿערענץ האָט מיך טיפֿער איבערצייגט אַז די אַנאַליזע אפשר אָן איבערפֿלעכלעכע איז אָבער אַ קאָרעקטע. מיר לעבן אין אַ צייט ווען מען קען ווייניקער רעדן וועגן סתם קולטור — ווייל קולטור איז אַלעמאָל און באַזונדערס אין די „אַטאָם עפּאָכע" סינאָנים מיט פּראָגרעס. און די יעניקע וואָס האָבן פֿונם קולטור קאָנגרעס אין אַמעריקע אויסגעשלאָסן די לינקע פּראָגרעסיווע עלעמענטן, וואָס שפּילן אָן אַקטיווע און וויכטיקע ראָליע אויף אַלע געביטן פֿון יידישע קולטור טעטיקייט — זיינען ניט מענטשן וואָס זיינען ערנסט פֿאַראינטערעסירט אין דעם עצם ענין יידישע קולטור. זיי זיינען מער אויסן אַריינפֿירן די מאוסע נודנע שפּיל פֿון אַנטי־קאָמוניזם, אַנטי די נייע דעמאָקראַטיעס אויפֿן געביט פֿון יידישע קולטור טעטיקייט — דאָס איז אַ פּאַרזוך צוליב טון אייב קאָהן און דובינסקי — די פֿריינט פֿון הערסט, מיט־טאַנצן מיט די וואָקכאַנאַליע וואָס שפּילט יעצט פֿילם־אָרקעסטער אין אַמעריקע. אַזאַ לוקסוס פֿון מיטשפּילן מיט „אַטאָם באָמב" אָרקעסטער, קען זיך קיין ערנסטער יידישער קולטור טוער ניט ערלויבן. היינט מער ווי ווען אַנדערש, ווען אונזער גאַנצער קולטור בנין איז אַ ציטערדיקער, קוים קוים פֿאַנגט זיך אָן צו פּאַרפֿעסטיקן.

און די וואָס מיינען אַז צוליב שלום־בית דאַרף מען מיטאַנצן אומעטום ווי די קאַפּעליע שפּילט און ווילן טאַקע „טאַנצן אויף ביידע חתונות" וועלן זיך ביטער ענטוישן ווען זיי וועלן אויסגעפֿינען אַז די כלה איז ניט אַזוי שיין ווי די שדכנים „שלאָגן איר פֿאַר".

די וואָס זיינען געווען אין פּאַריז ביי דער קאָנפֿערענץ קענען עדות זאָגן אַז דאָרטן וואו עס גייט אין די ווירקלעכע קולטור אינטערעסן אָן שום זייטיקע צילן און שטרעבונגען דאָרט זיינען קיין שום פּרינציפּיעלע שייד־ליניעס ניט



פֿאַראַן — ווייל דער הויפּט ציל פֿון אַט דער קאָנפֿערענץ איז געווען און איז, צו געפֿינען די געמיינזאַמע שפּראַך פֿון די יידישע קולטור — די שפּראַך אין וועלכע אַלע ערלעכע און ערנסטע קולטור עלעמענטן קענען זיך צונויפֿרעדן און פֿאַרשטיין. די מעגליכקייט וועט ניט זיין אַנוועזנד ביים ניו־יאָרקער קאָנגרעס, און דערמיט וואָס ביים קאָנגרעס שטייען עטלעכע אַנגעזעענע יידישע שרייבער — כשר׳ט דאָס ניט דעם גאַנצן ענין. נאָך איין וואָרט. איין זאַך צווישן פֿילע אַנדערע מיט וועלכן שטענצל האָט זיך כשר פֿאַרדינט דעם דרך ארץ מיט וועלכע פֿילע פֿון אונז האַלטן אים, איז זיין פֿריינטשאַפֿט און פֿאַרשטענדעניש צום ראַטן־פֿאַרבאַנד. ווי שטאָל און אייזן איז ער געשטאַנען פֿעסט אין די וואַקלדיקע יאָרן פֿון 1939־41. כוויס אַז אפֿילו איצט ווען „ס׳הוליען בייזע ווינטן" קעגן דעם סאָוויעטישן לאַנד, שטייט שטענצל פֿעסט אין זיין פֿריינטשאַפֿט. כאָטש אַלע שטראָמען זיינען קעגן אים — כאָטש ס׳איז שוין גאָרניט אַזאַ פּאָפּולערער ענין היינט צוטאָג.

דאַרום דאַרף ער אויך וויסן אַז איינע פֿון די ענטשיידנדע מאָמענטן פֿון דעם קולטור קאָנגרעס אין אַמעריקע איז זיין שנאה צום ראַטן־פֿאַרבאַנד. זיין שנאה צו די נייע דעמאָקראַטישע לענדער, דאָס קומט אַמבעסטן צום אויסדרוק דורך זיין אויסשליסן אַלע די עלעמענטן וואָס שטייען פֿאַר אַ דערנענטערונג פֿון אַלע וואָס זיינען פֿאַראינטערעסירט ערליך אין יידישע קולטור. דערפֿאַר איז דער קאָנטראַסט אַזוי שטאַרק, דערפֿאַר קען מען ניט זאָגן „מדאַרף אומעטום פֿאַרן" אויף אַזעלכע 2 בענקלעך קען מען זיכער ניט זיצן מיט איין הינטן, וואָרים אַניט קען מען זיך געפֿינען זיצן אויף דער סאַמע ערד און די ערד צווישן די בענקלעך איז אַ בלאָטיקע, און פֿירט אין ערגעץ ניט.

---

## הערש שישלער (יאָהאַנעסבורג)

### אינם שפּיגל פֿונם יידישן לעבן אין וויטן דרום אפֿריקע

בילדער, קוריאָזן, באַגעגענישן און כאַראַקטעריסטישע פֿאַרצייכנונגען.

---

#### וועגן יידישע פּרעסע נעבעך...

וועגן דער יידישער פּרעס אין דרום אפֿריקע און וועגן יעניקע וואָס דרייען זיך אַרום איר, וואָלט מען געקאָנט פֿאַרצייכענען אַ בוך מיט קוריאָזן. נישט איינמאָל טאַקע האָט דער שרייבער פֿון די שורות פֿאַרצייכנט שוין פֿאַרן יידישן לייענער, דאָס קאָמיש־טראַגישע פּרצוף פֿונם יידישן צייטונגס־וועזן אין וויטן דרום אפֿריקע מיט אירע קאָך־לעפֿל־רעדאַקטוירים־אַרויסגעבער.

יידישע צייטונגען און יידישע רעדאַקטוירים אין דרום אפֿריקע, עקזיסטירן נישט לאַנג. האָבן לידער נישט קיין אריכת־ימים. ווערן נעבעך פֿאַרשניטן פֿאַר דער צייט. הויבט ווען דאָ אָן, אַמאָל אין אַ יובל, צו דערשיינען

אַ יידישע שריפט, האַלט זי זיך אויף נסים — און דער סוף איז — אַ שפּאַציר אויף יענער וועלט, אויפן פרעסע בית־עולם. אַ פרעסע בית־עולם האָט דרום אפריקע, קען זי דערמיט שטאָלצירן...

אינטערעסאַנט, אויב דרום אפריקע האָט נישט געקאָנט דערהאַלטן דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט ביים לעבן, האָט אָבער דאָס יידישע אפריקע זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אויפן געביט פון באַגראָבן... אגב צופיל זיך אויסגעצייכנט. אַט דאָס קליין און אָרעם קולטור־ווינקל דרום אפריקע, האָט שוין באַוויזן צו באַגראָבן אַ גאַנץ פיינעם באַגאַזש פון יידישע אויסגאַבעס; טאָגצייטונגען, וואָכנצייטונגען, חודש׳לעכע זשורנאַלן, ליטעראַרישע אויסגאַבעס, פּאָליטישע טריבונעס, הומאָריסטישע צייטונגען — און וואָס אַלץ נישט?

דאָס יידישע דרום אפריקע, נישט געקוקט דערויף וואָס זי איז נאָך יונג, וואָלט באַדאַרפט געקרוינט ווערן אַלס דאָס פּראָדוקטיוויסטע לאַנד — אויף צו באַגראָבן יידישע שאַפונגען, יידישע קולטור־ווערטן און דאָס יידישע וואָרט. עס האָט אויף דעם געביט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע שפע פון טאַלאַנט...

דער סך הכל איז, אַז גאַנץ דרום אפריקע מיט אירע העכער הונדערט טויזנט יידן, וואָס זיינען, אַן עין הרע, גוט רייך, פאַרמאָגן בלויז איין איינציקע יידישע וואָכנצייטונג — און אפשר איז דאָס נאָך אויך צופיל פאַר אפריקאַנער יידן...

## א יידישע ביכער אויסשטעלונג

די יידן אין דרום אפריקע האָבן באַשטימט איינצואָרדענען אַ יידישע ביכער אויסשטעלונג און מען האָט זיך צו איר געגרייט מיט גרויס פאַרנעם. מען האָט געדונגען אַ פיינעם זאַל אין צענטער־שטאָט און די ביכער־פייערונג האָט אָנגעהאַלטן במשך פון 41 טעג. זער פיין.

אַפריקאַנער יידן זיינען געקומען זער... ווייניק. יידן אין דרום אַפריקע האָבן נישט קיין צייט און אינטערעס פאַר אַזעלכע זאַכן, אָבער עס זיינען נאָך געקומען אַביסל יידן צו דער ביכער־אויסשטעלונג. דאָס רוב פון זיי זיינען געווען, די יעניקע וואָס האָבן אויסגעבאָרגט זייערע ביכער פאַר דער אויסשטעלונג. זיי זיינען געקומען זען, צי זייערע ביכער זיינען דאָ...

די ביכער־אויסשטעלונג איז באַשטימט געוואָרן צו שליסן מיט אַ דראַמאַטישער פאַראַנשטאַלטונג. נאָר אַזוי ווי די אויסשטעלונג איז פאַרגעקומען אין די ספירה־טעג, האָט מען באַשלאָסן די שלוס־פייערונג פונם יידישן בוך, אָפּצולייגן אויף שפּעטער, אויף נאָך ספירה. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער.

אַ מאָדנע מדינה איז דרום אַפריקע. אין שבתים און יום־טובים אַרבייט מען דאָ, האַנדלט מען, פאָרט מען, געמבלט מען און אַנדערע זאַכן טוט מען, וואָס מען האָט דאָס נישט געמערקט ביי יידן אין דער אַלטער היים. אָבער אַפריקאַנער יידן היטן אָפּ ספירה. די יידישע קולטור אין דרום אַפריקע, ווייסט אויך דעם דין פון ספירת העומר...

האָט זיך זער פייערלעך פאַרענדיקט די יידישע בוך־אויסשטעלונג אין יאָהאַנעסבורג מיט אַ דראַמאַטישער פאַראַנשטאַלטונג, וואָס איז פאַרגעקומען



מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער... נאָך ספירה. איז דאָס נישט קיין כאַראַקטעריסטיש בילדל צום גרויסן אומעטיקן בילד, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס יידישע לעבן אינעם ווייטן דרום אַפריקע. זאָל דאָס דאָ פאַרצייכנט ווערן און זאָלן יידן אין דער גרויסער וועלט וויסן, אַז אפריקאַנער יידישע קולטורטוער האַלטן אויך פון ספירה.

## אפריקאנער רבנים האסן יידיש

אין דרום אפריקע איז גאָר אָפט צו מערקן, אַז גויים ריידן יידיש, און יידן — גוייש. נישט נאָר סתם יידן ריידן גוייש, אויך רבנים, כלי־קודש, רעליגיעזע, מנהיגים און יידישע פירער אין לאַנד, זענען פאַרכאַפּט און באַאיינפלוסט פון דער גויישער שפּראַך, פון ענגליש בלע״ז.

שוין נישט איינמאָל איז אויסגעקומען צו פאַרצייכענען אָט די טרויעריקע אָפּשפּיגלונג פונם יידישן לעבן אינעם ווייטן דרום אַפריקע. גענוג וואָס מען לערנט נישט דאָ יידישע קינדער קיין יידיש און יידישע טראַדיציעס, העלפט מען זיי נאָך צו צו אַסימילירן זיך. אין די שולן, אין די בתי־מדרשים, תלמוד־תורה׳ס, חדרים דערציט מען דאָס יידישע קינד אין דער פרעמדער שפּראַך — ענגליש. די דרשות אין די שולן פאַר יונג און אַלט, וואָס די רבנים און מנהיגים געבן, זיינען אין ענגליש. יידיש איז טריפה...

פאַרדריסלעך איז וואָס „גרינע" רבנים נאָכן אויסגרינען זיך, לערנען זיך אויס די זעלבע „קונסט" ווי צו אַסימילירן זיך גופא און אַנדערע. בייטן אויס זייערע יידישע דרשות און רעדעס אויף ענגלישע. אַ שלעכטן ענגליש רעדן, איז ביי זיי ליבער פון אַ גוטן יידיש. אַזוי ווייט דערגייט עס שוין.

אָט איז אין יאָהאַנעסבורג לעצטנס פאַרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון דער אָרט־אָזע געזעלשאַפט און אַ געוויסער היגער רב, וואָס איז גאָרנישט לאַנג אין לאַנד, געקומען פון פוילן און רעדט אַ פליסיקן יידיש, האָט דווקא גערעדט פאַרן יידישן עולם אויף אַ פרעמדער שפּראַך — ענגליש. און ביי דער שליסונג פון דער יידישער ביכער־אויסשטעלונג וואָס איז פאַרגעקומען אין יאָהאַנעסבורג, האָט אַ צווייטער רב וואָס איז גוט באַקאַנט אין דער יידישער וועלט אַלס שריפטשטעלער און פאָרשער און היטער פונם יידישן וואָרט און יידישן פאָלקלאָר, גראַד אויף אַזאַ וויכטיקער אונטערנעמונג און גראַד אַזאַ וויכטיקער יידישער אויטאָריטעט, האָט געגעבן אַ רעפעראַט פאַרן הונדערט פּראָצענטיקן יידישן עולם — דווקא אין ענגליש!

אינטערעסאַנט, אַז ביידע דערמאָנטע רבנים זענען דאָ אַמאָל געווען פאַרטראָטן אין אַ ליגע אויף צו שטאַרקן און פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט און יידיש לשון אין מדינה אפריקע, ווי טרויעריק דאָס איז...

## דאווענען איז אויך קולטור

טאָמער איז ווייניק וואָס אין די גרעסערע שטעדט אין דרום אַפריקע הערשט אַ ביטול באַציאונג צו יידיש און יידישע קולטור, איז דאָס ליידער

נאָך מער צו מערקן איבער די פּראָווינץ־שטעטלעך און שטעדט פון לאַנד. עס איז שוין אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז דאָרטן ווו ייִדן גיין דאַווענען, גרויסט מען זיך, אַז מען איז קולטורעל און גייסטלעך דערצויגן — און אַלץ איז שוין אין בעסטן אָרדנונג...

אין דרום אַפריקע איז לעצטנס פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אָרטיקן רשח״ר (רבנים, שוחטים, חזנים, רעווערענדס.) צווישן אַנדערעס האָט מען אויף אָט דער קאָנפערענץ געלאָזן פאַלן אַ וואָרט, ווי טרויעריק עס איז דער מצב אויפן קולטורעלן געביט, ספּעציעל אויף דער פּראָווינץ.

האָט זיך דערפון שטאַרק באַליידיקט דאָס שטעדטל בראַקפּאַן. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז ק״ק בראַקפּאַן מיט אירע ייִדן, זענען ווייט אונטערשטעליק פון אַנדערע שטעדט אין לאַנד מיט איר גייסטיקן און קולטורעלן מצב. האָט זיך דערפון שטאַרק באַליידיקט בראַקפּאַן, (אַפריקאַנער ייִדן האָבן אַ טבע צו באַליידיקן זיך) האָט זי אויפגעהויבן אַ ויצעקו, אַז עס זענען נישט וויכטיק די באַשולדיקונגען געגן איר, אַז ק״ק בראַקפּאַן איז אונטערשטעליק אויפן קולטור געביט, אַז בראַקפּאַן איז אַ ייִדיש שטאָדט, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע שטעדט אין לאַנד. אין דער אָרטיקער ייִדישער צייטונג אין יאָהאַנעסבורג, האָט אַ ייִד, אַ תושב פון בראַקפּאַן אָפּגעדרוקט, אַז עס איז פאַלש דער שלעכטער שם, אַז בראַקפּאַנער קולטור מצב איז נישט הויך און אַז בראַקפּאַן שטייט נישט אָפּ אין קיין הינזיכט פון די גרויסע שטעדט. דער בעסטער באַווייז פונם הויכן קולטורעלן ניווא פון ק״ק בראַקפּאַן איז צו זען דערפון, וואָס דאָרטן דאַווענט מען אין שול יעדן טאָג, און נישט נאָר אין די שבתים און יום־טובים, ווי דאָס איז צו מערקן אין מאַנכע שטעדט אין אַפריקע.

אויב מען זאָל נאָך צוגעבן, אַז בראַקפּאַנער ייִדן זענען אין קיין הינזיכט נישט אַנדערש פון יאָהאַנעסבורגער, קייפּטאָונער און אַנדערע ייִדן אין לאַנד וואָס שפּילן אַ גאַנץ יאָר קאָרטן, איז דאָך אוודאי און אוודאי פאַלש די באַשולדיקונגען, אַז ק״ק בראַקפּאַן איז נישט קולטורעל און גייסטיש אָפּגעשטאַנען...

## מיטן כוח פון קאָרטן קומט די הילף

און אַז מיר ריידן שוין וועגן קאָרטן, מוז מען שוין אויסזאָגן נאָך אַ סוד פונם ייִדישן דרום אַפריקע. אין דרום אַפריקע ווערט געפירט יאָרן לאַנג שוין אַלע אַקציעס, קאַמפּיינען פאַר אויסלענדישע און אינלענדישע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן — מיטן כוח פון קאָרטן. אַפילו די גרויסע אַנגעפירטע קאַמפּיינען פאַר ארץ ישראל און פאַר אייראָפּע, פאַר די ייִדן אין די לאַגערן און אַנדערע, ווערט געשאַפן און געפירט מיטן כוח און הילף פון . . . קאָרטן. די קאָרטן־שפּילן און קאָרטן־פּאַרטיעס וואָס האָבן זיך דאָ אויסגעגאָסן אויפן ייִדישן פאָלק, ווי רחמנא־ליצלן אַ מגפה, העלפט אַ סך אין די אַלע פאַרשיידענע כל׳ערליי זאַמלונגען און קאַמפּיינען.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז צו געווינען די לעצטע מלחמה וואָס איז געפירט געוואָרן מיטן בלוטיקן היטלעריזם, צו אָט דעם גרויסן זיג, האָבן אַפריקאַנער ייִדן געהאָלפן מיט . . . קאָרטן. אַלע געלט זאַמלונגען וואָס זענען דאַן געווען וויכטיק בעת דער מלחמה, האָבן אַפריקאַנער ייִדן געשאַפן מיט די מיטלען און מיטן כוח פון די קאָרטן...

זענען דעריבער אַפריקאַנער ייִדן שוין אין „אָרדענונג" מיט זייער קאָרטן שפּיל. זיי שפּילן נישט חלילה אין קאָרטן לשם געמבלערייען אָדער פאַרגעניגן. זיי פירן אויס מיט זייער קאָרטן־שפּילן אַ הייליקע מיסיע פון גרויס ווערט און באַדייטונג, אַזוי נאָך אַלע שליחים, אַלע קלייבער און זאַמלער וואָס קומען אָדער ווענדן זיך צו אַפריקאַנער ייִדן, צו געבן זיי הילף. ווען נישט חלילה די קאָרטן, ווער ווייסט ווי אַזוי אַפריקאַנער ייִדן וואָלטן זיך געלאָזן צו זייערע בייטלען...

איז דערפאַר צו מערקן אין ייִדישע הייזער אין דרום אַפריקע, ווי מען איז ערלעך טאָג און נאַכט פאַרנומען אינם קאָרטן־שפּיל, מען פירט דאָך עפּעס אויס אַ הייליקע שליחות. מיטן כוח פון די קאָרטן, שאַפט מען הילף, גיט מען געלט, גייען דורך מיט דערפאָלג אַלע קאַמפּיינען און אַקציעס וואָס ווערן פּראָקלאַמירט איבערן לאַנד — און אונזערע ליידנדע ווערן געהאָלפן...

אָט אַ דאָ קענען מיר זיך שוין גאָרנישט באַקלאָגן אויף אונזערע אַפריקאַנער ייִדעלעך...

---

## ציטאַטן איבער דעם געדאַנק און דעם באַטייט פונם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס

### צוזאַמענגעשטעלט פון יוסף פרענקעל

1.

„אין אונזערער צוויי טויזנט יעריקער צושטרייאונג זיינען מיר תמיד געווען אָן אַן איינהייטלעכער לייטונג: דאָס האַלט איך פאַר אונזער גרעסטן אומגליק."

טהעאָדאָר הערצל.

„ס'איז שווערער צו מאַכן ייִדישע פּאָליטיק, ווי יעדע אַנדערע פּאָליטיק."

מאַקס נאָרדוי.

„מיר מוזן בילדן אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון אַלע ייִדישע מינדערהייטן אין דער גאַנצער וועלט."

שמעון דובנאָוו.

„מיר מוזן האָבן אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל רעפּרעזענטירן די ייִדישע מאַסן אין דער גאַנצער וועלט און זאָל נישט זיין באַהערשט פון „נאָטאַבעלן."

לעאָן מאָצקין.

„דער אַנטיסעמיטיזם איז עפּידעמיש ווי פילע אַנדערע קראַנקהייטן: ער האָט קיין מורא פאַר אַ קאַראַנטין און שטעקט אָן איין לאַנד נאָך דעם אַנדערן."

ישראל זאַנגוויל.

„אין טעאָריע זיינען מיר נישט איזאָלירט. אָבער אין אונזערע צרות שטייען מיר אַליין."

נחום סאָקאָלאָוו.

„מיר מוזן דאָס טאָן אַליין. אַליין — דאָס הייסט: ייִדן פאַר ייִדן און נישט קריסטן פאַר ייִדן.“

עמיל לודוויג.

„ייִדן מוזן האָבן אַן אייגן פּנים, אַן אייגענע שטימע און אַ ריכטיקן אַדרעס.“

ליאָן פֿויכטוואַנגער.

„די פולע און ממשותדיקע גלייכבאַרעכטיקונג פון די ייִדן אין אַלע לענדער איז אַ רעכטלעך גוט אויף וועלכעס דאָס ייִדישע פאָלק וועט קיינמאָל ניט מוותר זייַן.“

סטיפען ש. וויז.

„מען מוז באַשאַפן אַן עפנטלעכן געריכט־הויף, פאַר וועלכן יעדער וועט מוזן אָפּגעבן אַ חשבון בנוגע אַלעס וואָס ער טוט אָדער פאַרפעלט צו טון אין דער ייִדישער פראַגע.“

.. טהעאָדאָר הערצל.

„די פראַגן פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין די גלות־לענדער זייַנען געוואָרן באַהאַנדעלט אין רוסלאַנד און אין עסטרייך איידער דער ציוניזם איז געוואָרן אַ פּאָליטישע באַוועגונג“

אַדאָלף בעהם.

„דער נייַנצענטער ציוניסטישער קאָנגרעס באַטראַכט פאַר אויסטערליש נויטווענדיק.... צו פאַראייניקן אַלע טיילן פונם ייִדישן פאָלק, אום צו פאַרטיידיקן זייַנע רעכטן.... און ער זעט אין דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס די פּאַסיקע פאָרם פון דער ייִדישער פאָלקס־פאַרטרעטונג.“

איינשטימיקער באַשלוס אין אויגוסט 1935 אין לוצערן.

## 2.

„דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס איז אַן אָרגאַניזאַציע צו באַשיצן אַ נאַציע, וועלכע איז ווייניקער באַשיצט ווי אַלע אַנדערע נאַציעס אין דער וועלט.“

שמעון דובנאָוו.

„דער וועלט־קאָנגרעס איז ניט אַ צוועק פאַר זיך.“

לואיס ד. בראַנדייס.

„דער קאָנגרעס וועט אַרומנעמען אַלע ייִדן און אַלע ייִדישע געמיינשאַפטן.“

יוליאַן וו. מאַק.

„מען אַטאַקירט ניט פראַנצויזישע אָדער בריטישע אָדער אַמעריקאַנישע ייִדן, נאָר ייִדן — ווייל זיי זייַנען ייִדן.“

סטיפען ש. וויז.

„די ייִדישע לאַגע איז קודם־כל אַ פועל יוצא פון דער אַלגעמיינער וועלט לאַגע.“

נחום גאָלדמאַן.

„איך זאָג פאָראויס, אַז מיר גייען אַנטקעגן אַ עפּאָכע פון קריג־צוגן און אַלערליי מיטלאַלטערלעכע שרעקלעכקייטן.“

שמעון דובנאָוו.

„די טראַגעדיע פון מזרח־אייראָפּע איז היינט די דראַמע פון מיטל־אייראָפּע. זי קען מאָרגן זייַן דאָס טרויער־שפּיל פון מערב־אייראָפּע.“

סטעפען ש. וויז.

„דאָס ייִדישע פאָלק איז אַ פעסט צוזאַמענגעבונדענער קערפער אין רום און אין צייט, וועלכער קען קיינמאָל נישט ווערן צעריסן.“

אהרן שטיינבערג.



„אַ קאָלעקטיווער גורל, אַ קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַ קאָלעקטיוו ווירקן דורך אַ קאָלעקטיווע פירונג.“

לעווי זעלמאַנאָוויטש.

„פאַר ייִדישע פּאָליטיקער: עס איז ניט גענוג צו קענען די קאָנסטיטוציע, — מען מוז אויך האָבן שכל.“

נ. בארו.

„דער ריכטיקער ייִד קען ניט האָבן קיין שלום מיט אַ רעאַקציאָנערער רעגירונג. ער מוז אַלעמאָל דאָרטן שטיין, וווּ רעכט איז.“

ראָבערט שטריקער.

„שלום מאַכט מען ניט בלויז אויף פרידענס־קאָנפערענצן.“

סידני סילווערמאַן.

„נאָר ווען די אינטערעסן פון אַ רעגירונג זייַנען פאַראַלעל מיט די אינטערעסן פון דעם ייִדישן פאָלק קענען מיר דערוואַרטן אַ „פּראָ־ייִדישע“ איינשטעלונג.“

לעוו זעלמאַנאָוויטש.

„די ייִדן מוזן קעמפן פאַר זייערע רעכטן, — אַז נישט, פאַרדינען זיי זיי נישט.“

שלום אַש.

„ווען אַ ייִד זאָגט זיך אָפּ אין זייַן הארצן פון דעם קאַמף פאַר פרייהייט — ערשט דאַן האָט ער אונז פאַרראַטן.“

בערל לאָקער.

„ווען דער ייִד פאַרלירט דעם קאַמף פאַר פרייהייט — איז אויך פאַרלוירן די פרייהייט פון דער וועלט.“

מ. ל. פערלצווייג.

„דער געדאַנק פונם קאָנגרעס איז געבוירן געוואָרן אין דעם פאַרלאַנג פאַר ייִדישער אייניקייט.“

גאָרג בערנהארט.

„אַ קינסטלעך צוזאַמענגעלאַטעטע אייניקייט אין דעם ייִדישן לעבן האָט ניט קיין ווערט.“

נ. בארו.

„מען קען ניט דערהאַלטן דעם קיום פונם ייִדישן פאָלק אָן קרבנות.“

קארל בוים.

„דער קאָנגרעס מוז זיך שטיצן אויף טעריטאָריאַלע און ניט אויף פּאָליטישע גרופּען.“

ראָבערט שטריקער.

„עמיגראַציע איז פאַר דאָס ייִדישע פאָלק אַ לעבנספראַגע.“

יעקב לעשצינסקי.

„די ייִדישע סאָציאַלע הילף מוז זייַן ברידערלעך און קעגנזייטיק.“

ישראל יעפרויקין.

„דאָס ייִדישע פאָלק זעט אין דעם קאָנגרעס זייַן לעגיטימען פאַרטרעטער.“

יוסף קאַסטיין.

„קיין ערענמאַן וועט עס נישט פאַרשטיין, ווען מיר וועלן ניט פאַרטיידיקן אונזער ערע, ווען זי ווערט אַטאַקירט.“

נחום סאָקאָלאָוו.

„דער קאַמף פאַר מענטשן־רעכט באַשטייט לײדער אין אַ קאָנפליקט צווישן מענטשן־רעכט.“

פ. ר. בינענפעלד.

„מיר קאַפּיטולירן נישט און מיר צווינגען אונזערע קעגנער אונז צו רעספּעקטירן.“

איגנאַץ שווארצבארט.

„יידישע ענינים זיינען נישט מער פרעראגאטיוון פון „פאטריציער״ — זיי זיינען די אויפגאבן פון א יידישע דעמאקראטיע אין א דעמאקראטישער וועלט.״
א. ל. איסטערמאן.

„גענאסיד״ באטייט טויטונג פון ראסן און „האמאסיד״ באטייט טויטונג פון איינצעלנע מענטשן.״
נחמיה ראבינזאן.

„דאס יידישע פאל איז אונטיילבאר אין יידישע ענינים.״
א. ל. איסטערמאן.

„אונזערע אויפגאבע וועט נאר דאן דערפילט זיין, ווען קיין איינציקער ייד וועט נישט זיין מער אין סכנה פון דעם בארבארישן אנטיסעמיטיזם.״
לעאן קובאוויצקי.

3.

„מיין ליבער פריינט סטיפען וויז....״ פראנקלין ד. רוזוועלט.

„מיין פריינדין לידי רעדינג....״ עלעאנאר רוזוועלט.

„א מאן מיט דעם נאמען געהארד ריגנער....״ העגרי מארגענטוי.

„איך בין געשטאנען אין א נאענטער פאליטישער פארבינדונג מיט פיל פארטרעטער פונם קאנגרעס, און צוויי פון איך זיינען — בעקי זיוו און אלעק איסטערמאן....״ יאן מאסאריק.

„דער ווירטשאפטלעכער און סאציאלער ראט פון די פאראייניקטע פעלקער האט באשלאסן צו געבן דעם יידישן וועלט־קאנגרעס א קאנסולטאטיווען סטאטוס....״ טריגווי לי.

„דער יידישער וועלט־קאנגרעס...אונרא..אונעסקא...איר א... די אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציע אויסער די רעגירונגען...פראצעסן איבער קריגס־פארברעכער...רעסטיטוציע . . . רעהאביליטאציע . . . שלום־אפמאכונגען... די קאמיסיע פאר מענטשלעכע רעכטן . . . אייגנטום אן יורשים... טיצער....״ יידישע טעלעגראמען אגענטור.

„מעמאראנדום פון דעם יידישן וועלט־קאנגרעס...פארטרעטער פון דעם קאנגרעס....אריה טאראטאקאווער... דוד פעטעגארסקי...ראבערט ס. מארקוס...ש. פעדערבוש . . . מ. קייזערמאן . . . י. העלמאן . . . הלל סטארך...באקומען לעבנסמיטל אין רומעניע...מעדיקאמענטן...ביכער... זון־דינסט...״ יידישע וועלט־פרעסע.

„פאליטיש געהער איך צו דער ליבעראלער ריכטונג, אבער יידישע ענינים באטראכט איך ניט פון דעם פארטיי־פאליטישן, נאר פון דעם יידישן שטאנדפונקט.״ לידי רעדינג.

„אויסער די ציוניסטישע קאנגרעסן האט ניט קיין יידישע פארזאמלונג אזא וויכטיקע מיסיע צו דערפילן ווי דער יידישער וועלט־קאנגרעס.״
ליאן פויכטוואנגער.

„נישט געקוקט אויף אלעם — וועלן מיר מנצח זיין.״ שווארצבארט.

„דער גורל פון ארץ ישראל איז ענג פארבונדן מיט דער יידישער רעגירונג און דער גורל פון די יידן אין די גלות־לענדער איז ענג פארקניפט מיט דעם קאנגרעס.״ יוסף פרענקעל



# גיכער א ווידוי פון א מענטש איידער א התנצלות פון א מחבר

(די נישט געדרוקטע הקדמה פאר מיין בוך „ירושלים״)

„פתחתי שקי ותאזרני שמחה למען יזמרך כבוד ולא ידום
אדוני אלוהי לעולם אודך (תהילים)

ווי אזוי ווייסט א מענטש, א בשר ודם, אן עגא מיט אייגענע פארלאנגען און באגערן, אן אינדיווידיאום מיט זיינע ספעציפישע נויטיקע נטיות און פערזענלעכע פניות, אז די באפרייאונג פון זיין פאלק גייט אנקומען, אז די אתחלתא דגאולה איז נאנט? ווי אזוי דערפילט עס א ייד, א נע־ונדניק, א בלאנדזשיק שטויבעלע אויף שבעה ימים, א פלעווועלע אויף אלע פיר ווינטן? דער יחיד, דער איינזאמסטער און אפגעריסנסטער, אויב ער איז נאך נישט אינגאנצן קיין אבר המדולדל, אז ער איז נאך געהאפטן מיטן מינדסטן און דינסטן פאדעם נאך מיט זיין פאלק, דערפילט ער עס אויפן אייגענעם גוף, אויף אייגענעם לייב און לעבן און יעדער אויף זיין באשטימטן אופן, אויף זיין געביט, אין זיין ארבעט, אין די טואונג פון זיינע הענט, אינם גאנג פון זיינע פיס — דער שטויב פון די פליגן ווערט אפגעטון, דער הארץ־פלאטער איז א באפרייטער און דערפרייטער.

אז די זון א באפרייטע און דערפרייטע גייט אויף אין פרילינג איז די גאנצע וועלט פול מיט איר; דער געוואלטיקער וואלד און דאס מינדסטע גרעזעלע דערפילן זי יעדער אויף זיין אייגענעם אופן; דער העכסטער בארג, וואס שטייגט פעלזיק אין הימל אריין, און דאס פלאכסטע קוועלעכל, וואס רינט פון א שטיין פערווארפן אין נידריקסטן טאל — — —

דאס איז דער סימן מובהק פון אמתער דערלייזונג, פון אויפריכטיקער באפרייאונג, ווען יעדערער דערפילט זי: „אפילו שפחה על הים ראתה מה שלא ראה יחזקאל״! דאס באדריקסטע הארץ ווערט באפרייט און דערפרייט, יעדע אינערלעכע שפלות און אויסערלעכע פארשקלאפן הערט אויף — דער דינענדיקער האר און דאס דינענדיקע הארץ זיינען גלייך פאר גאט און פאר גאולה.

דער פסיכישער דרוק, די געפענטעטע אפהענטיקייט, די גייסטלעכע און גייסטיקע אפהענגיקייט, די שפלות צו זיך אליין, צו אייגענעם לייב און לעבן ווערט אויפגעבונדן — —

ווי ליגט ער דאס דער מענטש, דער בחיר היצירה אין אייגענעם נערוון געקניפט, א געבונדענער קרבן פארן שטן, פארן מולך; דעם אייגענעם גורל און די אייגענע זינד טראגט ער אויף זיך א שעיר לעזאזל, יעדע רגע געשליידערט צו ווערן אין אלע וויסטע טאלן; אין זיין אייגענעם נערוון־נעץ ווארפט ער זיך אן איינגעביסענער געפאנגענער פיש — א הארץ פול מיט גלויבן!

1

זיכער איז עס געווען נאאיוו פון מיר צו גלויבן, אז נאר ווי די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן זיך שוין באווייזן די דאויקע, אדער דער עמיצער,

וואס וועלן זיך מטריח זיין ארויסצוגעבן, געזאמלט אין ביכער, מיינע לידער און עסייען, געשריבענע אין מיטן פון רעש פון מלחמה יארן און חורבן, וועלכע זיינען בשעתם געדרוקט געווארן אין די צעווארפענע „העפטלעך"; די איינציקע ליטעראַרישע אויסגאבע פאר א משך פון א צייט, — נישט נאר אין מלכות ענגלאנד, נאר מסתמא אין גאנץ אייראפע, —; פון וועלכע עס פארוואלגערן זיך נאך אפשר, דא און דארט אחת בעיר ושתים במשפחה. ווען עס האנדלט זיך אין גלויבן, — און דערצו נאך אין א נאאיוון גלויבן! — איז דאך נישט קיין פראגע דעמלט צי ער איז בארעכטיקט — אין דעם מאמענט ווען עס ווערט בארעכטיקט איז עס דאך שוין מער קיין אינערלעכער גלויבן... נאר א פראקטישער פראפעסיאנעלער ענין. אבער פארביטערט צו ווערן, — און בפרט נאך אין אונזער צייט! — פון אזא נישט מקוים געווארענעם נאאיוון גלויבן, — אין דער געזעלשאפט אדער אין א יחיד! — קאן אמאל הייסן שטיין בלייבן, חלילה, אינמיטן דער ארבעט און אלץ איבעררייסן. און דאס, דאס לעצטע, אזא מין פארביטערונג, דאס וואלט שוין געווען מער ווי נאאיוו...

ווארים איז דען נישט געווען דאס, טאקע די ערשטע קין־זינד פונם ערשטן בן־אדם מענטש, דאס עקשנותדיקע וועלן דווקא פעסטהאלטן אזא נאאיוון אבערגלויבן, ביז פארביטערט צו ווערן?

און באמת איז דען נישט קין כשר גערעכט, מענטשלעך גערעכט געווען? האט ער דען נישט געברענגט פון די בעסטע פירות פון דער ערד זיין מנחה צו גאט? און פארוואס קערט ער זיך נישט צו אים און צו זיין מנחה? דאס־א איז זיין אייגנס, זיין שווייס פון פנים, זיין בלוט פון הארץ, זיין מארך, בעסערס האט ער נישט...

און אפשר איז טאקע דערפאר אים פארגעבן געווארן דער ברודער־מארד, ווייל זיין טענה איז דאך אזא גערעכטע און אזא מענטשלעכע פארביטערטע... אזא הימל־שרייענדיקע, שוין באלד אזוי ווי דאס פארגאסענע ברודער בלוט...

גייט עס דאך בעיקר אין דעם, — אין יעדן מענטשלעכן לעבן מסתמא באזונדער! — די דאזיקע קין־זינד איבערצוקומען און אפצוקומען. דעם דורכאויס און בכל אופן וועלן גערעכט בלייבן, דעם דאזיקן אייביקן קין־צייכן פון אונזערע שטערנס, פון אונזערע גדאנקן און בייזע מחשבות, מיט דער קין־האק ארויסצוהאקן.

האב איך געטון דאס וואס יעדעס קין־אייניקל האט צו טון, בכדי צו קענען טראגן אין זיך דאס שטיקעלע מענטשלעכע חשיבות: זיך באגענוגענען מיט זיין ביסל ארבעט, אזוי איינגראבן זיך אין איר, ביז זיין נאאיווער גלויבן צעוואקסט זיך אין א גרויסער אמונה, — און שוין נישט נאר בלויז אינם אייגענעם ביסעלע ארבעט במחילה, — נאר אינם פאלק, אין דער גרויסער ארבעט פון קיום האנושי. אזוי אז אפילו דער אקייגנקומענדיקער יחיד, צי צומאל די געזעלשאפט זאל מיט איינגעצויגן ווערן אין דער גרויסער ארבעט.

איי דער מויל־ווארים, דאס מארדערל, דאס אייביקע קין'דל שטעקט



כסדר ארויס פון דעם צעאקערטן שטיקל ערד דאס פארמאטערטע קעפל מיט דער גערעכטער טענה: „מתי אעשה גם אנוכי לביתי"?

ענטפערט מען: ממנפשך, איז דיין אייגן ביסל ארבעט באמת לעבן־צעצאפלט, לעבן פארוואנדלדיק, אויסדרוק פון צייט, פון עקזיסטענץ, זיינען זיי באמת בריק פון עבר צו עתיד? איז דאך גוט, קאן דאך גאר נישט זיין עפעס בעסערס פון דעם! איז דען פאראן נאטירלעכעס פון דעם, ווי דומם זאל פארוואנדלט ווערן אין צומח און צומח אין חי, קאן דען נאך זיין א גרעסערע לעבנס־געניס ווי אזא תענוג העולם? זאלן דאך קומען די שעפעלעך און זיך פאשן אויף דעם געצייטיקטן פרישן גראז, אים כשר מעלה גירהן, ביז זיי וועלן אויסוואקסן אן פעלער און אן מום — — א ווי הבלדיק דאס אלץ איז!... ווי שה־תמימדיק.....

יא, עס איז שווער צו זיין א מדבר, א מענטש וואס האט צו טון מיטן ווארט... און דערצו נאך מיטן יידישן ווארט!

וואס איז ער דען, דער מענטש, מ'שטיינסגעזאגט, דער צוויי פיסיקער מדבר, די קרוין פון דער בריאה, דער טייל־און־הערשער איבער־חיה, דער פיר־פיסיקער, וואס האט זיך אליין קודם געטיילט אין א צוויי־הענטיקן און צווייפיסיקן, מיט זיינע צוויי הענט אלדאס שלעכטע צו פארשאפן און צו פארדעקן דאס ווארעמע בלוט, מכסה צו זיין? און וואס איז דען דער גייסטיקער מענטש דער קאפ־מענטש, דער פען־מענטש: מיט איין „ואהבת לרעך כמוך", על רגל אחת דאס ערגסטע שוין, צו פארטושן, צו פארשארן — מיטן אנדערן פוס צו פארשארן! און מיט איין האנט צו קלאפן דעם על־חטא בשעת די צווייטע באגייט דאס שענדלעכסטע און ערגסטע — —

דאס איז דאך 99 פראצענט פונם מענטשלעכן שאפן! און נישט נאר דאס וויסן און פארשן ווערט באנוצט מער צוצעשטערן די בריאה ווי איר צו העלפן, נאר דאס גייסטלעכע און גייסטיקע איז נישט קיין סך אנדערש — מ'שטיינס־געזאגט איבער אונזער קונסט און קולטור, אונזערע בייזע נטיות און מידות רעות ווערן נאך קולטווירט און שיין געמאבט — „פאוסט"יש־האמסוניזירט!

עס וויל דער מענטש זיך שיין מאכן אן זיין געוויסן פארענטפערן — דאס איז עס! און ווער ווייסט אויב פון דעם שלימותדיק געפארמטסטן מ'לערנט נישט ווי פאלקאמען מיר זאלן דאס ערשט ווערן...

חסידים אינדערהיים, געדענק איך, פלעגן די „תפילת־זכה" ערב יום כיפור פארנאכט צוקוקן מיט א שמייכל ווי פרומע יידן פלעגן שטיין קלאפן אין הארץ אריין ביי יעדן „על חטא": ווער ווייסט וואס ער, דער פארשוין, דער „חיה־אדם" מחבר האט געמוזט זיין, אז ער האט געקאנט אויסרעכענען די אלע חטאים... און איז עס אנדערש מיט „אטעלא", מיט די „קארמאזאוס"?...

גוט, דער מענטש לעבט, ער טוט וואס ער טוט, און שרייבן טוט ער אויך. „בעל כרחך אתה חי, בעל כרחך אתה מת ובעל כרחך אתה עתיד לתן דין וחשבון". האב איך מיר געטראכט ווען כ'האב געזען ווי ער ווערט אלץ גרעסער דער זאק, ווי איך האב אלץ צוגעשטיפט מיינע לידער און עסייען.

צו מיין פופציקסטן געבוירן טאָג האָבן איניקע פריינט מיר פאַרגעשלאָגן אַרויסצוגעבן מיינס אַ בוך, פון אומגעפער 200 זייטן. און אַז איך האָב געוואָלט אַרויסצוזוכן די 200 זייטלעך, האָב איך דעם פאָדים נישט געפונען, קיין אָנהייב, קיין סוף. איך האָב מיך אַליין פאַרפלאָנטערט און פאַרקנוילט. עפּעס הענגען אַלע מיינע זאַכן פון די לעצטע 8 יאָרן צוזאַם ווי טויטע פייגל־שנירן ביים ברעג, איינגעביסן שנאָבל אין שנאָבל.

טעג, וואָכן, חדשים האָב איך גענישטערט, געזוכט, געשטויבט — שוין דאָס וועלן צוזאַמענקלייבן פון דאָ און פון דאָרט, פון דעם און פון יענעם אַ קאַמפּלעטן זאַץ מיט „העפּטלעך“, מיט „לשון און לעבן“ האָט מיך פאַרמאַטערט — — איך האָב מיך שוין אין גאַנצן מיאש געווען, און אַז מען קומט לידי יאוש, שלעפּן זיך שוין נאָך זייטיקע מחשבות ווי אַ קופּה של שרצים; מ׳שטיינסגעזאָגט, דעם כבוד וואָס מ׳האָט פון אַ יידיש בוך... און זיינען מיר דען נישט אַליין שולדיק אין דעם האַזאַרד פון פאַרטייאישע הינטערקוליסן און אונטער־טיר געקלאַפּ פון „מעצענאַטן טירן... אַז נישט נאָר דאָס גאַנצע גייסטלעכע און גייסטיקע שאַפן אונזער אַ כלי פאַר נידריקע פּאָליטיק און כבוד־שמעקער, נאָר דאָס געשאַפענע אַליין ווערט אַ חרס הנשבר, אַ פאַרבאַרגענער עניין פאַר טונקעלע פאַרשווינען...

שנאָרן און „בלעקמיילן“ דאָס זיינען דאָך די צוויי וועגן צווישן וועלכע דער יידישער מחבר קאָן ווילן! און די „גרויסע“ זיינען די וועלכע קאָן גיין קוממיות אויףביידע....

און איז דען דאָס אַן עקסיסטענץ פון אַ ליטעראַטור ווי יעדער לויפט אַרום מיט זיינע אייגענע זאַכן, ווי מיט צאַפּלדיקע אַקאַרשט געבוירענע הינטלעך אין מויל. און דערזעענדיק אַ ביין, פאַלן זיי אַרויס פון מויל, הויבט זיך אָן אַ רייסעריי און געהאַוקעריי...

עס איז דאָך אַ שרעק! עס קאָן דאָך מער ווי אַ בילעריי אין אַזאַ מקום נישט ווערן.

און אַז ס׳קומט שוין אַרויס אַ בוך מיט מזל — פאַר אַ גוט וואָרט פאַר אַ נאָטיצעלע איז מען דאָך קאַפּאַבל דעם טאַטן מיט דער מאַמן צו פאַרקויפן. — אַ, דער שמור לי ואשמור לך, וואָס האָט זיך איינגעפליישט אין אונזער ליטעראַטור — אַז אפילו איבער אונזערע גרויסע נעמט אַרום אַ גרויס רחמנות!

גאָט באַשירעם מיך ווייטער פאַר די אַלע זאַכן ווי די האָסט מיך ביז היינט באַשירעמט — — —

און מיט עקל ממש, מיט פאַרביטערונג, אַ פאַרמאַטערטער האָב איך דעם זאַק מיט כתבים צוריק פאַרבונדן און אַ שטויס אַרונטער געטון אונטער דעם בעט, ווי אַ כפּרה ערב יום כיפּור; מיר צום לעבן, דיר צום טויט! און האָב איך נאָך צו לעבן אַ פּאָר יאָר, לאָמיך שוין אָנגיין מיט מיין קליינע אַרבעט, נאָך אַ העפטל, נאָך אַ לידל, נאָך אַ שבת נאָכמיטאָג, נאָך אַן עסיי.

„בעל כרחך אתה חי... אתה עתיד ליתן דין וחשבון“. און אויב עס איז



באמת דאָ אין די העפטלעך אַזוינס וואָס איז מער ווי פאַר מיר, אַז זיי זאָלן זיי צעפרעסן, וועלן שוין „ביכער־ווערים“ זיי געפינען און דאָס געשמאַקע אַרויסזוכן...

און אויב אפילו, אַז מיר זאָלן שוין חלילה אָננעמען, אַז דער גייסטיקער מצב פון אונזער פאָלק איז אַזאַ, אַז מיר ברויכן קוים אַ ביסעלע קולט, — וואַבאַבאָנעס געמישט מיט גייסטלעכקט! — פאָלקס־טום פּסיכאָזע איז דאָס העכסטע וואָס מיר קאָנען דערגרייכן, און אַז מיר זיינען בכלל נישט דערוואַקסן צו אַזעלכעס וואָס מיינט קולטיווירטע קונסט, און אַז אפילו די העכסטע און אידלסטע שאַפונגען אונזערע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פרעפּלדיקע תפילות און אין טיילנדיקע עליות? און דאָס העכסטע פונם העכסטן וואָס מיר פאַרמאָגן, — אונזערע נביאים! — איז קוים אַ הפטורה־צולייג פאַר אַ זינגעדיק בר מצוה יינגל, וואָס פאַרשטייט נישט קיין פירוש המלות, אַ מפטיר־יונה־מחלוקהלע, אַ מסחרל יום כפּור פאַר נעילה — — —

איז אויב אַפילו אַז מיר זאָלן עס שוין אַזוי אָננעמען און אויב אַפילו ס׳איז טאַקע באמת אַזוי; איז מסתמא אַזוי דער וועג ווי אַזוי גרויסע שאַפונגען, מאָנומענטאַלע קונסט קאָן ווערן מאָמענטאַלע פאָלקס־דינסט, ווי אַזוי געניאַליטעט קאָן ווערן אויפגענומען, פּאָפּולאַריזירט ווערן — ווי אַזוי די געטליכקייט ווערט עשר־ספירותדיק פאַרוואַנדלט, און פאַרמענטשלעכט! ווי אַזוי זי ווערט מעטאַפערדיק און השגחהדיק — מיר גלויבן דאָך אין יידישער יצירה!

וואָרים איז דען נישט די ווזיע אין דער קונסט, פּונקט ווי די ענטדעקונג אין דער פאָרשונג: פון אייגענע חולאתן און סמען אין אייגענעם גוף פּרעפּערירן און אויספאָרמען, דעם סערום זיך אַליין איינצושפּריצן, אויסצופּרואוון קודם כל, אויב זי ווירקט! און איז מען נישט פאַרגיפטעט געוואָרן ביים פּרואוון; אַלע פאַרגיפטיקע און קראַנקע אויף דעם חולאת איינצושפּריצן און היילן; און שטאַרבט דער ענטדעקער אין מיטן דער אַרבייט, ווערט זי פון די אַנדערע ווייטער געפירט! — — אַ, די זיכערקייט, נאָך אַזאַ ווייטער געפירט ווערן!

און דאָס איז אונזער תנ״ך, די האגדה, די קבלה! און דאָס איז איצט מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ אין אַ נייער נשמה־איבערוואַנדלען, אין אַ מאָדערנעם פאָרעם: מענדעלע האָט מיטן שאַרפן סעציר־מעסער געוואָלט אויסשניידן אונזער „גאָלדענע אָדער“, שלום עליכם האָט דעם חולה געוואָלט מאַכן לאַכן ווייל „דאָקטוירים זאָגן אַז לאַכן איז געזונט“, פּרץ האָט אונזער אייגן חולאת פּרעפּערירט אין סערומס, דאָס יידישע פאָלקסטימלעכע און מעשהדיקע אונז אַליין איינגעאימפט און פון די „גאָלדענע אָדער“ געפאַרעמט „די גאָלדענע קייט“ אונזערע.

און דאָס איז דאָך דער עיקר און מאָנומענטאַלע פון דער קונסט צו באַווייזן, אַז ס׳איז דאָ מער, ווי דאָס וואָס מיר קאָנען מיט אונזערע חושים בלויז משיג זיין. וואָרים האָט דען נישט די פּלאַסטישע קונסט באַוויזן, די מאַלעריי, אַז מען קען אויפבויען אַ דריטע דימענסיע מיט בלויזן פּערספּעקטיוו?

און וועבט דען ניט אויס די מוזיק, מיט טענער בלויז, אַ פירטע דימענסיע: מיר זיצן און מיר הערן און פאַר אונזער אויגן גייען געזעענע בילדער, גייען די געדאנקן, באַוועגן זיך די געפילן? און דאָס וואָרט — „וכל העם שומעים את הקולות"! — ברענגט עס אונז ניט אין די טיפישע טיפענישן און אין די העכסטע הויכן? דו לייענסט און דאָס האַרץ גייט מיט און דער געדאנק גייט אין טויזנטער דורות, און אויף טויזנטער דורות פאַראויס — — מיט משה'ן לעבסט דו, מיט בודא, מיט סאָקראטעס, מיט שפּינאָזאַ, מיט שעקספּיר, מיט טאָלסטאָי, מיט קין'ען, אדמ'ען, מיטן באַשעפער פון הימל און ערד — — איבערן גאנצן ערד קיילעך, איבער אלע גלגלים, אין אין סוף...

פערספעקטיוו אין וואָרט־קונסט זיינען הונדערטער דורות! אין אין כהרף עין זעט דער זעער פאַטאַמאַרגאַנאַ־שפּיגלונגען מיט ליכטיק־צעשטראַלטען; מוח מיט אַ פלינקערן לויף ווי פון שנעלסטן ליכט־שטראַל — עס מוז דער מוח נאָר זיין אַן פּניה־פּגימה, צעשטראַלט צו ווערן מיטן אור הגנוז נאָך פון קודם הבריאה, מיטן אנוכי־כּאָאָס, אַן אַן איך, וואו יעדעס חפץ טראָגט נאָך אין זיך דעם וואַקואום פון זיין אייגענער וויזיע.

און דאָס איז דאָך די טראַדיציע פונם יידישן וואָרט! אונזערע נביאים. אונזערע גאָנטסטע צום בראשית! אליין נאָך אַרויסגעקוואָלן ליכט פונם תוהו ובוהו, אליין נאָך אויפגעלויכטענע מיטן „יהי אור". וואָס דער הויך פון זייער וואָרט קאָן נאָך ענדערן די בריאה — — און נאָך אין אונזערע לעצטע דורות האָבן אונזערע הייליקע פועל ישועות געווען מיטן בלויזן וואָרט; דער דרדקי־מלמד, אַפילו, האָט נאָך אויף אונז געהאַט אַ „פעולה" מיטן מינדסטן אות!

(דער צווייטער טייל אין קומענדיקן חודש) ש.

## קולטור ידיעות פון לאנדאן

דער באַרימטער שרייבער און דיכ־דיכטער זלמן שניאור קומט אויף אַ באַזוך אין לאָנדאָן. פאַרשידענע ליטעראַרישע און קולטור־אינסטיטוציעס גרייטן צו אַ גרויסן קבלת־פּנים פאַרן חשובן גאסט.

* * *

דער באקאנטער דראמאטורג און הומאָריסט חנא גאָטעספעלד, אויף זיין דורכרייזע דורך לאָנדאָן קיין ארץ ישראל איז אויפגענומען געוואָרן אין אַ מסיבה פון יידישע שרייבער.

* * *

י. ה. לעווי'ס בוך „מיין טאַטע דער סופר" דערשיינט קומענדיקן חודש.

דער שרייבער ראכמיעל פעלדמאַן פון זיד־אַפריקע וועלכער וויילט דאָ אין לאָנדאָן איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון פריינט פון יידיש לשון ביי אַ גלעזל טיי.

* * *

דער פּאָעט לייזער איכענראנד וועלכער האָט געוויילט דאָ אין לאָנדאָן פאַרט אָפּ די טעג צוריק אין דער שווייץ.

* * *

מ. חסיד קומט אָן די טעג אין לאָנדאָן אויף זיין צוריקרייזע פון קולטור־קאָנגרעס אין אַמעריקע.

* * *



בקרוב דערשיינט אַ ניי בוך פון לעאָ קעניג.

* * *

א. מ. פוקס גרייט צום דרוק אַ בוך נאָוועלן.

* * *

צום אָפּשלוס פונם גאסטראָלירן פון די באַרימטע אַקטיאָרן יוסף בולאָוו און ליובא קאַדיסאָן אין ניי יידיש טעאַטער האָבן דער יידישער אַרבייטער רינג און „פריינט פון יידיש לשון" איינגעאָרדנט אַ גרויסן באַנקעט.

* * *

צום אָפּפאָרן פון דר. שמעון ראַווידאָוויטש און זיין פרוי קיין אַמעריקע האָט דער תרבות איינגעאָרדנט אַ געזעגנונגס אָוונט אין „פּאַלעסטיין קלוב". אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט אַ סך קולטור־אָרגאַניזאַציעס און פּערזענלעכקייטן.

* * *

די זינגערין פון זיד אַפריקע העדי האַז האָט געגעבן אַ קאָנצערט פון יידישע פאָלקסלידער אין „פּאַלעסטיין קלוב" אונטער דער אָראַנזשירונג פון מר. מ. זוסמאַן מיט גרויס דערפאָלג.

* * *

דער גוט באַקאַנטער אַקטיאָר בן־ציון וויטלער און סאָפיע לערנער קומען אָן אויפן ווינטער־סעזאָן אין גרענד פּאַלעי.

* * *

אין ניי יידיש טעאַטער קומען גאַסטראָלירן צום נייעם סעזאָן די באַקאַנטע אַמעריקאַנישע אַקטיאָרן דינה גאָלדבערג און אירווינג גראָסמאַן.

* * *

די שערמאַנ'ס און מאַקס איצקאָוויטש גאַסטראָלירן אין דער פּראָווינץ.

די טאַלענטירטע אסתרל זילבערבערג איז אַנגאַזשירט אין ניי־יידיש־טעאַטער.

* * *

צו דעם אנסאַמבל אין ניי יידיש טעאַטער זיינען אַנגאַזשירט געוואָרן אויפן ווינטער סעזאָן די באַקאַנטע אַקטיאָרן לעאָן בלומענזאָן און מרים קאַראלאַווא.

* * *

צו דער חברים גרופּע אין גרענד פּאַלעי זיינען ווידער אַנגאַזשירט געוואָרן די באַקאַנטע אַקטיאָרן יצחק קרעלמאַן, דאָראַ קרעלמאַן און האַרי אַריעל.

* * *

דאָס אַקטיאָרן פּאָרל סעם גאָלדבערג און העלן ווינאָגראַד גרייטן ווידער צו לידער־קאָנצערטן פאַרן ווינטער סעזאָן.

* * *

דער פּאַלעסטינער שרייבער דוד דענאוו האָט געהאַלטן זיין פאָרטראַג איבערן יידישן וועג אין ארץ ישראל ביים ליטעראַרישן פאַראיין און ביים „יידיש ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג".

* * *

דער זשורנאַליסטן און שרייבער פאַראיין האָט געמאַכט אַ קבלת פּנים פאַר י. ריכטיקער און זיין פרוי צו זייער צוריקקומען פון אַמעריקע.

* * *

דער באַקאַנטער מאָלער אַלווא האָט אַן אויסשטעלונג פון נייע אַרבייטן אין דער לעסטער גאַלעריעס.

* * *

אין „בן־אורי" האָט זיך געעפנט די אויסשטעלונג פון טשעכישן מאָלער פריטאַ. דער טשעכישער אַמבאַסאַדאָר האָט געעפנט די אויסשטעלונג.

לכלל ישראל בכל מקום שהם — שנת „עם ישראל הגאולה באה“ תש״ם

## כתיבה וחתימה טובה

חונה במזרח לונדון שכונת ווייטשעפל — הרב יהושע שפעטמאן

---

כתיבה וחתימה טובה

צו מיין פאמיליע, פריינט, קאלעגן און קולטור־טוערס דא אין לאנד און מעבר לים

11 לעיטאן קלאס, איסט פינטשלעי, נ.2 — שמואל ווייטה און פרוי

---

מר. און מרס. ש. און ר. זאלקין און זון

ווינטשן א גוט יאר צו זייערע ברידער און שוועסטער מיט זייערע פאמיליעס אין לאנדאן, רוסלאנד, ניו־זעלאנד און ארץ ישראל. זאל זיין א בעסער יאר פאר אונדז אלעמען, אמן.

---

ש. זאלקין און פרוי ווינטשן א גוט יאר דעם רעדאקטאר און פריינט א. נ. שטענצל און אלע מיטארבעטער פון „לשון און לעבן“.

---

אלע אונדזערע קרובים און פריינט דא און מעבר לים, אלע אונדזערע ברידער אינם לאנד ישראל, און אויך די, וואס זיינען צוזייט און צושפרייט, ווינטשן מיר א גליקלעך און דערפאלגרייך יאר און א כתיבה וחתימה טובה

מארקס קאהען און פרוי, קלעפטאן

---

מנשה ווייסגראס און פרוי ווינטשן אלע גוטע פריינט און באקאנטע א גוט יאר און א גמר חתימה טובה

---

ד. גאלדינגער און פאמיליע ווינטשן די „פריינט פון יידיש לשון“ און „לשון און לעבן“ א גוט און מזלדיק יאר

---

איך ווינטש מיינע קינדער, איניקלעך, מחותנים, קרובים און פריינט א גוט געזונט און גליקלעך יאר

פיננאר, מידלסעקס — מרס. א. קריס

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד בעראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, — 3 אזייגער)

שבת, דעם 2־טן אקטאבער — טראדיציאנעלער ימים־נוראים פראגראם.

שבת, דעם 9־טן אקטאבער — פארלעזונגען פון מענדעלע, פרץ און שלום עליכם, אש, בערגעלסאן און אפאטאשו.

שבת, דעם 16־טן אקטאבער — טראדיציאנעלער סוכות־פראגראם — פאעטן־קלאסיקער און מאדערנע ניי־דיכטער.

שבת, דעם 23־טן אקטאבער — פארלעזונגען פון לאנדאנער דיכטער און שרייבער.

שבת, דעם 30־טן אקטאבער — געווידמעט דעם שאפן פון זלמן שניאור.

---

דער פארלאג „נאראד־פרעס“ י. נאראדיצקי די ברידער בר כוכבא און כרמל ווינטשן א כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער און געשוויסטער און זייער גאנצער משפחה אין ארץ ישראל, אין ענגלאנד און אין אמעריקע, אלע זייערע פריינט, באקאנטע, קליענטן און אנגעשטעלטע

---

עמנואל געלער, פרוי און טעכטערל באגריסן זייערע משפחה און פריינט, די ציוניסטישע פריינט אין גלות און די מלוכה אין ישראל און ווינטשן אלעמען א גוט יאר און א כתיבה וחתימה טובה

---

די האנט־זעצערס פון „נאראד־פרעס“ אין לאנדאן־ענגלאנד באגריסן אלע זייערע חברים האנט־זעצער דא און אין ישראל און ווינטשן זיי

א כתיבה וחתימה טובה

---

מ. ביעטש, זון און טאכטער ווינטשן צום נייעם יאר אלע זייערע קרובים און פריינט א גוט יאר און א כתיבה וחתימה טובה

---

א כתיבה וחתימה טובה אלע קרובים און פריינט.

י. ל. ליכטנשטיין און משפחה

---

א שנת חיים ושלום ווינטשן מיר אונדזערע פריינט חברים און כלל ישראל

62 גרענדוש קרעסענט, לידס 7 — מר. און מרס. י. טיילאר

---

נייטען לעווינסאן און פרוי ווינטשן זייערע קינדער, שנור, אייניקלעך, קרובים און חברים פועלי ציון — א שנת חיים ושלום. זאל שוין קומען די גאולה פאר אונדזער פאלק און דער גאנצער מענטשהייט — סט. מערי׳ס רויד לידס 7

---

שלום יחיאל און הינדה דבורה טערטלדאוו

ווינטשן א שנת חיים ושלום: דער מידעלסבורגער קהלה, מר׳ און מרס׳ האלסטאן, ד״ר האלסאן און שוועסטער, מר. און מרס. ווייזמאן און פאמיליע, מר. און מרס. לואי סטאק און פאמיליע, מר. פישביין, דעם חשובן פרנס פון דער מידעלסבורגער קהלה מיט זיין ליבער פרוי און פאמיליע, מר. סאוויל און פאמיליע, מר. ניימאן, לינדען גראוו, און פאמיליע, מרס. קאהען פון סטאקטאן, מיין ליבן קוזין לואי טוקמאן מיט פרוי און פאמיליע—אלע לייענער פון „לשון און לעבן“, און אונדזער חשובן פריינט חזן פ. פייגענבלום מיט פרוי און פאמיליע, לאנדאן. — אחרון אחרון חביב ווינטשן מיר דעם רעדאקטאר א. נ. שטענצל, דעם סעקרעטאר מר. פאלושאק און אלע מיטארבעטער פון „לשון און לעבן“

---

א גוט געזונט יאר און אלדעס גוטס ווינטשן מיר איינער דעם אנדערן, אונזער משפחה אין ישראל און מחוץ לארץ ישראל אלע פריינט און באקאנטע און אלע יידן וואו זיי זיינען

נחום שטענצל און פרוי און טעכטערל

א. נ. שטענצל

אַפּייעלעכער אָונט־אָנדענקונג נאָך דעם גרויסן שרייבער און דראַמאַטורג

## פּרץ הירשביין

קומט פאַר אין „בן־אורי“ 14 פּאָרטמען סטריט, ו.1, זונטיק 31 אָקט. 8 אָונט

---

אונזער טיפן מיטלייד צום טויט פון יידיש־העברעאישן שרייבער אין „ישראל“

## אשר ביילין (דער אייגענער)

לשון און לעבן

---

צום טויט פון אונדזער פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם ברודער

## חיים יוסף בר׳ שמואל משה ביעטש

פון ראַווא־מאַזאָוועצקאָ, שטייען מיר מיט געבויגענע קעפּ און צובראָכענע הערצער, און מיר דריקן אויס אונדזער האַרציקן מיטגעפיל צו זיין צוריק־געבליבענער פרוי און קינדער. מיר ווינטשן זיי אריכת ימים און אַז זיי זאָלן פון קיין שום צער נישט מער וויסן

אהרן ביעטש און פאַמיליע, לאָנדאָן
דוד ביעטש און פאַמיליע, לאָנדאָן און
יחיאל פשיביש און פאַמיליע, פראַנקרייך

---

„די צייט“ געגרינדעט פון מאָרים מייער

די איינציקע יידישע טעגלעכע צייטונג אין ענגלאַנד

---

ידיעה. — דער נייער פאָרזיצער פונם לידזער קולטור־צענטער איז טשאַרלי הורעוויץ. פריינט וואָלף ריווקין איז פאַרבליבן אַלס סעקרעטאַר.

---

## א האַרציקן מזל טוב

ווינטשן דעם סעקרעטאַר פון לידזער יידישן קולטור־צענטער

## חבר וואָלף ריווקין

צו דער חתונה פון זיין ייִנגסטער טאָכטער

## חנה מיט שלמה גאָלדבערג

„פריינט פון יידיש לשון“, לאָנדאָן
רעדאַקציע פון „לשון און לעבן“

---

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פאָלגנדיקע אַדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, London, E.9.

---

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נײַנטער יאָרגאַנג נו.11. העפט 106 נאָוועמבער 1948 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

### אינהאַלט:

אַרום יידישן קולטור קאָנגרעס. (רעזאָלוציעס, אונזער באַגריסונג, פון לאָנדאָנער דעלעגאַט ד״ר מייטליס, פאַרוואָס דער דעלעגאַט פון ל.א.ל. איז נישט געפאָרן צום קאָנגרעס) .......... ** 1
דער בוים, טאָג פאַר דיינעטוועגן (לידער) .......... ל. קוויטקאָ 5
האָטעל־איינוואוינער (דערציילונג) .......... משה דלושנאָווסקי 6
א האַרבסטיק פרימאָרגן (ליד) .......... ש. זאַלקין 11
קעשענעווער געטאָ 1941 (פראַגמענט) .......... ראַליוקאָ בירמאַן 12
די שכינה (פּאָעמע) .......... א. ר. סען 16
רעזיגנאַציע (פון אלדד און מידד) .......... לעאָ קעניג 18
יונה הנביא (ביבלישע פּאָעמע) .......... א. נ. שטענצל 21
משיח׳ס נסיעות און נסיונות (המשך) .......... משה עובד 28
רעפלעקסן (ליד) .......... ס. פּאַלמע 34
אַלץ צוליב אַ ירושה (פעליעטאָן) .......... קיטי בראַון 35
דאָס אַרויסציען זיך פון געטאָ .......... קאַראָל פּענדאָווסקי 38
בערלין—מאָסקווע—ירושלים (המשך) .......... אליהו פּאַלושאַק 43
גיכער אַ ווידוי פון אַ מענטש איידער אַ התנצלות פון אַ מחבר (המשך) ש. 48
רבי אמנון (פּאָעמע המשך) .......... יוסף הלל לעווי 54
סאָוויעטישע לידער (וועגן איציק פעפערס בוך „אויפסניי“) .. ש. האַלקין 56
די ערעפנונגס רעדע פון טשעכישן אַמבאַסאַדאָר (צו דער אויסשטעלונג פון בעדריך פריטאַ .......... 59
אַ צייכנונג פון פריטאַ .......... 61
דער ווינטער טעאַטער סעזאָן אין די יידישע טעאַטערס (פון בן ציון וויטלער׳ס קאַמף פאַר יידיש אין ווייטשעפּל, די סובּרעטין דינה גאָלדבערג) .......... ** 62
דער זלמן שניאור באַנקעט .......... ** 64
מיטטיילונגען איבער די יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס .......... 64

## פרייז: 1 שילינג און 6 פּענים

אַבאָנעמענטס־פּרייז:—19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר אַ יאָר
1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

**אַדרעס פון רעדאַקציע**

„לשון און לעבן“, נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן א.1.